פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך!

רוסלענדער סאָצ.־דעמ. אַרבעטער פּאַרטיי

דער אַלגעמיינער אידישער
אַרבעטערבונד (ס. ד.)

צו דער
צעשפּאַלטונג פון בונד
(מאַטעריאַלן און דאָקומענטן).

אַרויסגעגעבן פון צענטראַלן קאָמיטעט פון בונד (ס. ד.)
מאָסקווע 1920.

32

11-я типография М. Г. С. Н. Х. (бывш. «А[illegible]»), [illegible] пер. 19.

די XII קאָנפערענץ פון בונד.

די צושפּאַלטונג פון בונד אין רוסלאַנד איז אַ געשעהענער פאַקט. אויף דער XII קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אַפּרעל ד. י. אין מאָסקווע, האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן צוויי ריכטונגען, וועלכע האָבן געקעמפט אין בונד פאַרן גאַנצן לעצטן יאָר, און צעריסן האָבן זיך די פעדים. וועלכע האָבן פאַרבונדן אין איין פאַרטיי די סאָציאַלדעמאָקראַטישע מיט די קאָמוניסטישע עלעמענטן. דאָס אומפאַרמייַדליכע איז געשעהן. דאָס צוזאַמענלעבן אין איין פאַרטיי פון פרינציפּיעל-קעגנזעצליכע גרופּירונגען האָט געפירט בלויז צו דער צופאַלונג און צופוילונג פון בונד. דאָס אָפּטיילן זיך פון די קאָמוניסטן איז נויטיק געווען, כדי צוריק אויפצושטעלן אויף דער יידישער פּראָלעטאַרישער גאַס די פאָן און די פּרינציפּן פון אַלטן בונד, וועמעס עקזיסטענץ איז מעגליך און האָט אזינען נאָר אַלס זעלבסטשטענדיקע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פונם יידישן פּראָלעטאריאט. די צושפּאַלטונג פון בונד, וועלכע ברייַנגט אמת שאָדן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אייניקייט פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, איז אָבער דער איינציקער מיטל אייַנצוהיטן אינם יידישן פּראָלעטאַריאַט דעם גייסט און דעם מהות פון בונד.

דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אויף דער XII קאָנפערענץ איז ניט געווען קיין צופעליקער רעזולטאַט פון אַ צופעליקער כחות פאַרהעלטעניש אויף דער קאָנפערענץ, — דאָס איז געווען אַן אומפאַרמייַדליכער פּועל יוצא פון דער אַנטוויקלונג פון אונזער פאַר-

טיי פאר דער לעצטער צייט. די חברים, וועלכע זיינען פארבונדן מיט אונזער פּאַרטיי ארבעט, האָבן מיט ווייטאָג זיך צוגעקוקט, ווי דער בונד אין זיין אידעאָלאגיע און אין זיין פּראַקטיק, וועלכע ס׳האט אויסגעדריקט און דורכגעפירט דער רוב פונם צענטראלן קאמיטעט, האט וואס ווייטער אלץ מערער קאַפּיטולירט פאר די אידייען און פּראַקטיק פונם קאמוניזם. אַז פון אַ זעלבסטשטענדי־קער סאציאלדעמאקראטישער אַרבעטער ארגאַניזאַציע פאַרוואנדלט ער זיך אַלץ מער און מער אין אַ ווילנס און כאַראַקטערלאזן מיטלויפער פון „ר. ק. פ.״

די XI קאנפערענץ פון בונד, וואס איז פארגעקומען אין מינסק, אין מארט 1919 י., ניט געקוקט אויף א גאנצע רייע ווייטגייענדיקע פרינציפּיעלע הנחות, האט דאך איינגעהאלטן פארן בונד דעם כאראקטער פון אן אפּאזיציע פּארטיי, פון אַ פּארטיי וואס וויל ניט טראגן אויף זיך די אחריות פאר דער פּאליטיק פון דער מאכט, פון א פּארטיי, וואס קעמפט קעגן די טעראריסטישע מעטאדן וועלכע די דאזיקע מאכט רעגירט איבערן לאַנד, וואס קעמפט פאַר דער פארווירקליכונג פון דער ראטן קאנסטי־טוציע און קעגן דעם פּאַקטישן פאַרבייַטן די ראַטן מאכט מיט דער מאכט פון דער קאמוניסטישער פּארטיי. די פּאזיציע פון דער XI קאנפערענץ האט דערפאר געדינט פאר א באזיס, אויף וועלכן אין די רייען פון בונד האבן געקענט עקזיסטירן און צוזאמען אר־בעטן ווי די סאצ.-דעמ. עלעמענטן אזוי אויך יענע, וועלכע האבן באקומען דעם נאמען „לינקע בונדיסטן״.

נאר די פּראקטיק פון בונד און אין דער ערשטער רייע די טאקטיק פון דער מערהייט פונם צענטר. קאָמיטעט האט אזוי אויסגעטייטשט די רעזאלוציעס פון דער XI קאנפערענץ, אז סיי לויט זיינע ווערטער, סיי לויט זיינע מעשים האט זיך דער בונד פארוואנדלט אין א פּארטיי, פאר וועלכע די דירעקטיוון פון דער „ר. ק. פּ.״ זיינען געווען די איינציקע, וואס האבן באשטימט איר

סאָקטישע ליניע, אין א פארטיי, וועלכע האט פארלארן איר איי-
גענע צורה, אירע פרינציפן און אנשויאונגען.

אדאנק די באמיאונגען פון זיינע אפיציעלע פארשטייער,
האט דער בונד אויפגעהערט צו זיין אַן אפאזיציע-פארטיי, א
זעלבסטשטענדיקע ריכטונג אין דער פראלעטארישער פאליטיק
און בלויז דעם מיעוט פון צענטראלן קאמיטעט און די סאצ.-דעמ.
עלעמענטן אויף די ערטער האט זיך איינגעגעבן אין איינצעלנע
פאלן, ניט קוקנדיק אויפן צוואנג פון דער ברייט אויסגעטייטשטער
פארטיי-דיסציפלין, צו בלייבן בא די אידייען פון דער סאָציאל-
דעמאקראטיע און אפהיטן די פאָן פון בונד פון די סטיכייאישע
כוואליעס פון קאמוניזם, וואָס האָבן פארפלייצט אונזער
פארטיי.

אין אָקטאבער 1919 יאָר איז אין האָמעל צונויפגערופן גע
וואָרן א באראטונג ביים צענטראלן קאָמיטעט, וועלכע האט בא-
טראכט די פראגן וועגן ארויסגיין פון דער ר. ס. ד. א. פ. און
אריינטרעטן אין 3-טן קאמונ. אינטערנאציאָנאל. די לינקע זיינען
געווען מוכן ומזומן תיכף צו באשליסןביידע פראגן און זייערע
באשלוסן דורכפירן אין לעבן. און פיל מי האט געקאסט דער
סאציאלדעמ. ריכטונג. וועלכע האט זיך מיט אלע אירע כחות
קעגנגעשטעלט דעם פארסירן די צושפאַלטונג, צו דערשלאָגן זיך,
אז לשם איינהייט פון דער פארטיי זאלן די פראגן ניט געלייזט
ווערן בחפזון, אז די באראטונג זאָל זיך באגרענעצן מיט פארמו
לירן די מיינונגען פון ביידע ריכטונגען. דאס האט געהייסן,
אז ביידע צדדים זיינען איינגעגאנגען ניט צו דערפירן צו קיין
צושפאלטונג, אז דער רוב פון צ. ק. האט מסכים געווען, ניט
פארשארפן די באציהונגען ביז דער קאנפערענץ, ניט פראוואצירן
קיינע קאָנפליקטן.

נאר וואסזשע איז ווייטער געווען? די מערהייט פון צ. ק.
און זיין ארגאן „וועקער" האבן גלייך אויף מארגן נאָך דער
באראטונג באהאנדלט די ביידע פראגן ווי שוין געלייזטע. די

אַגיטאַציע לטובת די אידייען פון קאָמוניזם האָט זיך נאָך שטאַר-קער אַנטוויקלט, דאָס איבערדייסן מיט די אידייען פון בונדישן עבר איז אַרויסגעטראָטן אַלץ בולטער. זאָגנדיק שבחים די „רקפ״ און די מאַכטהאָבער, האָט מען אויף אָפענע פאַרזאַמלונגען גע-רופן די רוסישע אַרבעטער אַריינטרעטן אין „רקפ״ (אסתר אין האָמעל). דער צ. ק. איז אין זיין אָפיציעלן אָרגאַן אָנגעפאַלן אויף דער ר. ס. ד. א. פּ., האָט גערופן צו קעמפן מיט די מענשעווי-קעס. מיט אומפאַרשעמטקייט פון מענטשן וואָס האָבן פאַרגעכן זייער נעכטן און פאַר גרויס התפעלות פאַרלוירן דעם זעלבסט-קריטיק חוש, האָבן די דאָזיקע נעאָפיטן פון קאָמוניזם, די פאָר-שטייער פון „לינקן בונד״ באַגאָסן מיט שמוץ אויך זייער סאָציאַל-דעמאָקראַטישן עבר.

פון דער צווייטער זייט האָט מען געטאָן אַלץ, כדי צו פאַר-שאַרפן די באַציהונגען, אַרויסרופן צוואַמענשטויסן און קאָנפליקטן און פארגיכערן די צושפּאַלטונג. אזוי, למשל, האָבן בעתן יאָרצייט פון דער אָקטאבער-רעוואָלוציע דאָס רוב פון צ. ק. און די דאָר-טיקע לינקע געגוויט די אַנדערשדיינקנדיקע צו גייען אויף א דע-מאָנסטראציע אונטערן לאָזונג פון „3-טן אינטערנאציאָנאַל״ שרע-קנדיק מיט אויסשליסן פון דער פארטיי.

אין א צווייטן פאל האָט דער רוב פון צ. ק. מיט איין האנט געגוויט א מיטגליד פון בונד ארויסגיין פון קאָמיטעט פון „רסדאפּ״ (וויטעבסק) און אויף די וואלן אין ראט האָט ער גע-פירט א קאמף קעגן דער „רסדאפּ״ (האָמעל) און מיט דער צוויי-טער האנט האָט ער אונטערגעהאלטן די אונטערהאנדלונגען פון א דארטיקער אָרגאניזאציע פון בונד מיט דער אָרגאניזאציע פון „רקפּ״.

וואָס פאַר א אטמאָספערע פון אָפּהענדיקייט און צופאלונג האָט זיך באשאפן אין דער פארטיי בא אזעלכע מידות, וועלכע זיינען ביז דאן אומבאוואוסט און אָרגאניש פרעמד געווען דעם בונד, בא די אלע פארטיי געריכטן, אויסשליסונגען פון דער פאר-

טיי וכדומה, וועלכע זיינען מיט גרויס התמדה פּראַקטיקירט געווארן פון אויבן ביז אונטן;

ס'איז דערפאר קיין חידוש ניט, וואָס איינצלנע חברים סאָציאלדעמאָקראטן האָבן ניט אויטגעהאַלטן די שטארק אָנגעברענטע אטמאָספערע פון דער פראקציאָנערער פּאָליטיק און אין איין פאל איז די צושפאלטונג פון דער אָריאניזאציע פאָרגעקומען ווי פון זיך אליין (וויטעבסק).

בא אזעלכע באדינגונגען איז פארביי א גאנץ יאר, פון מינסק ביז מאָסקווע. מיט וואָסזשע איז געגאנגען די לינקע ריכטונג פון בונד צוויף דער XII קאָנפערענץ? צי איז זי גרייט געווען מקריב צו זיין וואָס נ'ט איז כדי איינצוהאלטן די איינהייט פון בונד? צי האָט איר געשראָקן דער גורל פון ראפּעסעס גרופּע, וואָס האָט מיט העכער א יאָר צוריק זיך פרובירט צו באשאפן אין אוקראינע א „קאמוניסטישן בונד" און איז לגמרי דערטרונקען געווארן אין קאמוניסטישן ים? איצט איז לגמרי קלאר און זיכער, אז דער איינציקער פאליטישער זינען פון דער צונויפגערופענער אין מאסקווע קאנפערענץ איז פאר דער לינקער ריכטינג פון בונד באשטאנען אין איבעררייסן מיט דער סאצ. דעמאקראטיע, ארויס פון דער „רסדאפ", אריין אין דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל און לגמרי אן שום תנאים סאלידאריזירן זיך מיט דער פראגראם און טאקטיק פון דער „רקפ". די לינקע בונדיסטן האבן מיט גרויס פלייס און אפנהערציקייט געשטרעבט צו דערוויזן, אז זיי האבן „פארדינט" דעם צוטרוי אז זיי זיינען „ראוי", אז מע קען זיי שוין אנערקענען און אריננעמען אינם שויס פון דער הערשעדיקער פארטיי.

.2

די עפענונג פון דער XII קאנפערענץ האט פארגעשטעלט מיט זיך א אומגעוויינטליכע סצענע אין דער געשיכטע פון בונד.

זי איז פאָרגעקומען אין אָטעל „מעטראָפּאָל״ (אין צווייטן הויז פון די ראַטן) אינם זעלביקן זאַל אין וועלכן די סאָציאַל דעמאָקראַ-טישע פראַקציע פון אלרוסל. צענטר. אויספּ. קאָמיטעט פון די ראַטן איז מיט אָנדערהאַלבן יאָר צוריק אויסגעשלאָסן געוואָרן. צוזאַמען מיט דער רעדע פון חבר יו. א. מאָרטאוון אַלס פאָרשטייער פון דער ר. ס. ד. א. פּ. האָבן זיך דאָרט געלאָזט הערן רעדעס פון די אָפיציעלע פאָרשטייַער פון קאָמוניזם, וועלכע האָבן באַגריסט דעם בונד ווי זייַערן א פאַרבינדעטן. ס׳איז אַרויסגעטראָטן אַ בונ-דיסט רויט ארמייַעץ מיט אַ לאָזונג: „אונזער פּאַרטייַ דאַרף ווערן אַ קאָמוניסטישע״ און ... דער קאָמיסאַר פאר אידישע ענינים האָט גע-זאָגט מוסר דעם בונד פאַר זיינע אַלטע חטאים״ און אויסגעדרוקט אַ וואונש, אַז דאָס זאָל זיין „די לעצטע ס.-דעמאָקראטישע קאָנ-פערענץ״. די סאָציאַל דעמאָקראַטן האָבן געמאַכט אַן אָוואַציע זייַערע רעדנער די ח״ח מארטאוון און אַבראַמאָוויטש, די לינקע בונדיסטן האָבן מיט התפעלות באַגעגנט אַלעמען, (צווישן זייַ אויך דעם פאָרשטייַער פון די קאָמוניסטן פון דער „פּאַראַייַניקטער אי-דישער סאָצ. פּאַ־טיי״) ווער ס׳האָט נאָר געזאָגט קריש נאָכן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן בונד. און גלייך איז קלאָר געוואָרן, אַז די צושפּאַלטונג איז אומפארמיידליך.

די 12-טע קאָנפערענץ האָט זיך להיפך דער 11-טער אין מינסק, וועלכע האָט געהאַט פאָרשטייַער פון אזעלכע אידישע צענטרן ווי ווילנע, מינסק, באָברויסק, אויסגעצייכנט מיט א אויסער געוויינטליך צופעליכן צוזאַמענשטעל. און די מערהייט, וועלכע האָט געהאַט דער לינקער פליגל האָט זיך כלל ניט געקאָנט באַ-רימען מיט זיין אויטאָריטעט. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער אָרגאַניזאציאָנעלער אַפּאַראַט און די פּרעסע האָבן זיך געפונען אויסשליסליך אין איר רשות *).

---

*) די פּרייהייט פון דיסקוסיע איז געבליבן כמעט בלויז אויפן פּאַפיר. דער יוגעשיקטער פאָרן וועקער גרויסער ארטיקל מארטאווס וועגן דריטן אינטער-

ניט קוקנדיק אויף דער אימגעהויערער אַגיטאַציע וואָס די
לינקע ריכטונג האָט אַנטוויקלט פאַרן צוזאַמענפאָר, מאָבילזירנדיק
אַלע אירע אָנהייגער אין ·געיעג נאָך מאַנדאטן פון פארשיידענע
שטעטלאַך - ניט געקוקט אויף דעם איז דאָך די לינקע פאָרשטיי-
ערשאפט געוועזן זעהר אַ שוואַכע. ס'זיינען געווען 6—5 מאַנדאַטן
פון דער אָקופאציע (צווישן זיי איין ס. ד.) וועגן וועלכער ס'איז
אַ גרויסער ספק, צי האָט זי געדאַרפט זיין פאָרגעשטעלט מיט בא-
שטימונגס-רעכט אויף א קאָנפערענץ פון בונד פון דער ראַטן
רוסלאַנד. ס'זיינען געווען 3 מאַנדאטן פון די רויטע ארמייער,
וועלכע האָבן באַקומען אַ דאָפלטע פאָרשטייערשאפט (איין דעלע-
גאַט אויף 3 מאן). די 2 מאַנדאַטן פון צ. ק. זיינען מאָנאָפאָ-
ליזירט געוואָרן דורך דער לינקער פראקציע. אגב דארף מען נאָך
מוסיף זיין די מאנדאטן פון די קלייַנע שטעטלאַך, וואו ס'איז א
גרויסער ספק צי זיינען דאָרט בכלל פאראן בונדישע אָרגאני-
זאציעס (כאיניקי, טשערעיא) צוויי וויטעבסקער מאנדאטן (פון דער
אפגעשפאלטענער ס. ד. ארגאניזאציע) זיינען, פארשטייט זיך, גע-
פסלט געווארן דורכן רוב.

נאָר די גרעסטע בונדישע אָרגאניזאציעס פון רוסלאנד
און אוקראינע (האָמעל מאָהילעוו, כארקאוו, יעקאטערינאָסלאוו א
אנד.) האבן כמעט אומעטום צוזאמען מיט די לינקע געגעבן אויך
דעלעגאַטן סאציאל דעמאָקראַטן, באווייַזנדיק דערמיט אז די סא-
ציאל דעמאקראטישע אידייען לעבן נאך אין די רייען פונם אר-
גאניזירטן אידישן פראלעטאריאט.

דעם באריכט פון צ. ק. האָט אפגעגעבן דער ח' ווײַנשטיין,
וועלכער האט זיך באמיט צו דערווייזן, אז די טעטיקייט פונם צ.
ק. איז געווען דורכגעדרונגען מיט די רעזאָלוציעס פון דער \\
קאנפערענץ, נאר ניט ווילנדיק האט ער אליין פארגעשטעלט א

נאציאנאל ניט אפגעדרוקט געווארן, פארשטייט זיך צוליב „צ ו ם ע ל י ק ע"
ס י ב ו ת.

בולטן בילד פון דער פּולקאָמיזער פּארוואנדלונג פון צ. ק. אין א פּראקציאנעלן ארגאן פון דער לינקער ריכטונג.

זעלבסטפארשטענדליך, אז דער לינקער רוב האָט איינגעשטימט מיט דער טעטיקייט פון זיין צ. ק. נאך מער: אין דער אנגענומענער נאך די דעבאטן רעזאָלוציע האבן זיי געמאכט א גאנצע רייע פארוואורפן און באשולדיקונגען דעם סאצ. דעמ. מיעוט פונם צ. ק. לויט גוטן קאָמוניסטישן מנהג, וועלכן די תלמידים פון בונד האָבן גלייך איבערגענומען, האָט מען דעם דאָזיקן מיעוט ניט געגעבן א וואָרט פאר אן ערקלערונג און אלס פּראָטעסט האָט די סאצ. דעמ. פראקציע אפגערופן פון פרעזידיום די ח"ח אבראמאוויטש און יודין.

אין איר רעזאָלוציע וועגן באריכט פון צ. ק. כאראקטעריזירט אים די סאצ.-דעמ. פראקציע ווי אן אָרגאן פון פראקציאָנערער פּאָליטיק, וואָס טראָגט אויף זיך די אחריות פארן אידייאישן חורבן אין דער אָרגאניזאציאָנעלער צושפּאלטונג פון בונד.

בא דער צווייטער פראגע וועגן דער וויטעבסקער צושפּאלטונג, האָט זיך די פאָרשטייער פון דער וויטעבסקער בונדישער סאָצ.-דעמ. אָרגאניזאציע איינגעגעבן זעהר בולט אויפצודעקן דעם רעזשים פון דערשטיקן די מינדערהייט. די אידייאישע פאלונג פון די לינקע, וועלכע ס'האָט אזוי פּלייסיק איינגעפלאנצט דער צ. ק.— און אלעמען איז געוועזן קלאר, אז אונטערן פארזוך צו באהאלטן זיך אונטער פאָרמעלע מאמענטן איז געלעגן אן אפענע שטרעבונג צו דערשטיקן יעדן סימן פון אָפּאָזיציע אין בונד, גויטן דער אָפּאָזיציע, זי זאָל אוועק פון בונד. זי זאָל אויפהערן צו זיין א מניעה צו דער פאראייניקונג מיט דער קאָמוניסטישער פארטיי.

די צענטראלע פראַגע פון דער קאָנפערענץ איז פארשטייט זיך געוועזן די באהאנדלונג פונם פּאליטישן מאָמענט, וואָס האָט געדארפט אויפדעקן די אינערליכע ריכטונגען פון בונד. דאָ האָבן זיך אויסגעקריסטאליזירט צוויי קעמפנדיקע שטאנדפונקטן; דאָ האָבן זיך אָנגעשטויסן צוויי וועלט אנשויאונגען, צוויי פרינציפּן:

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער קאמוניזם. אין די פארטראגן פון די ח"ח אבראמאָוויטש און פרימקינא האָבן די דאָזיקע צוויי קעמפנדיקע פרינציפן באקומען זייער שארפן אויסדרוק.

דער לינקער פליגל האָט זיך לגמרי סאָלידאריזירט מיט די אידייען פון קאָמוניזם, אָננעמענדיק די יאקאבינישע דיקטאַטור פון דער מינדערהייט, אַלס דעם איינציקן קאמפס־מעטאָד פאר דער פארווירקליכונג פון סאָציאליזם, איגנאָרירנדיק די ווירטשאפטליכע אָפגעשטאנענקייט פון רוסלאנד. איגנאָרירנדיק דעם פאקט וואָס אין רוסלאנד שטעלט דאס פיל מיליאָניקע פויערטום פאָר די איי־בערוואויגנדיקע מאסע ארבעטנדיקע וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט אייגנטימערישע אינסטיקנטן און טראדיציעס.

די סאָציאָל־דעמאָקראטן האָבן דער דאָזיקער יאקאבינישער וועלט אנשויאונג קעגנגעשטעלט זייער שטאנדפונקט אויף די אל־געמיינע פערספעקטיוון פון דער אינטערנאציאנאלער אַרבעטער־באוועגונג און אויף די אויפגאַבן פון פראלעטאריאט אין דער רו־סישער רעוואָלוציע. לויט דער מיינונג פון די סאצ. דעמאָקראטן איז די דיקטאטור פון פראָלעטאַריאט ניט סותר דעם יסוד פון דער דעמאָקראטיע און די פארווירקליכונג פון סאָציאליזם איז מעגליך נאָר אויף א ברייטן באזיס פון זעלבסט־טעטיקייט און אקטיווקייט פון די ארבעטנדיקע מאסן; די דיקטאטור פון מיעוט איז אומ־פארמיידליך שטענדיק א טעראריסטישע און טראָגט אריין א צו־שפאלטונג אין די רייען פון די ארבעטנדיקע גופא, און דער הילף פון וועלכע ס'איז אוממעגליך די פארווירקליכונג פון קאָלעקטי־וויזם, און שיואכט סוף כל סוף אפ די פאזיציע פון פראָלעטאר־יאט. בנוגע רוסלאנד, האלט די סאציאל־דעמאָקראַטיע אז די פאַר־פעסטיקונג פון די ערובערונגען פון דער רעוואָלוציע איז מעגליך

*) אויסער זיי זיינען מיט קורצע פארטראגן ארויסגעטרעטן די ה"ח יודין און וויינשטיין וועלכע האבן פארטרעטן קליינע שאטירונגען אינעווייניק אין זייערע ריכטונגען.

נאר אַלס רעזולטאַט פון אַ אָפּמאַך פון פּראָלעטאַריאַט מיטן פּוי-
ערטום, כדי דאס צו דערגרייכן איז נויטיק אומצובייטן די פּאָ-
ליטיק פון דער מאַכט אין דער ריכטונג פון אָפּזאָגן זיך פון טע-
ראָר-סיסטעם און פון אַלע רעאַקציאָנערע אוטאָפּיעס אין עקאָנאָמישן
געביט.

די רעזאָלוציעס פון ביידע ריכטונגען האבן אויפן אויסשע-
פּנדיקן אופן פארמולירט די ביידע שטאַנדפּונקטן. די רעזאָלוציע
פון דער לינקער ריכטונג, וועלכע איז אנגענומען געווארן דורך
דעם רוב פון דער קאָנפערענץ, קאָנסטאַטירט: אַז די פּראָגראַם
און טאַקטיק פון ר. ק. פּ. איז די פּראָגראַם און טאַקטיק פון בונד-
די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פראַקציע איז געבליבן שטיין פאר א
דילעמע: אדער בלייבן אין די רייען פון קאָמוניזירטן בונד און
צוזאמען מיט אים (לכתחילה פּראַקטיש און דערנאך אָרגאַניזאַ-
ציאָנעל) צוזאַמענגיסן זיך מיט „ר. ק. פּ.", אדער בלייבנדיק סאָצ-
דעמ. קעגנער פון קאָמוניזם,- איבעררייסן מיט דער איצטיקער מער-
הייט פון בונד. די לאַגע איז געווען א קלארע, הגם זעהר א שווע-
רע. ס'איז געבליבן נאר איין אויסגאַנג.

באַטראַכטנדיק די געשאַפענע לאַגע האָט די סאָציאַל-דעמאָ-
קראַטישע פראַקציע באַשטימט אַוועקגיין פון דער אַלגעמיינער קאָנ-
פערענץ און עפענען אַן איינענע קאָנפערענץ, די XII קאָנפערענץ פון
אַלטן סאָציאַל דעמ. בונד, וועלכע איז איינג פאַרבונדן מיט די
פּרינציפּן און טראַדיציעס פון בונד אין ליטע פוילן און רוסלאנד.

אין נאָמען פון דער סאָצ. דעמ. פראַקציע האָט דער ח' אַב-
ראַמאָוויטש געפאָדערט אַ וואָרט צו אַן ע"קלערונג און באַ אַן אָנ-
געשטריינגטער שטילקייט האָט געקלונגען זיין אויפגערעגטע, נאָר
פעסטע רעדע. די לינקע ריכטונג אין בונד האָט ענדגילטיק באַשטימט
איר שטעלונג, אלס אַ קאָמוניסטישע, נאָך ד"ר אָנגענומענער רע-
זאָלוציע האָט זיך באַשאַפן אַ טיפער תהום צווישן די סאָציאַל-
דעמאָקראַטן און די לינקע אין בונד. די לינקע האַלטן זיך פאַרן
נאָמען פון בונד, נאָר דאָס איז, אָדער א געשיקטער חשבון אָדער

אַ סענטימענטאַלע ציגעבונדנקייט צום עבר. דער קאָמוניזם אָנער-קענט ניט קיין זעלבסטשטענדיקע אידישע אַרבעטער-באַוועגונג. דער בונד זײַן אַ קאָמוניסטישער צורה איז אַן אַבסורד.

מיט וואָס פאַר אַ איינשטימיקייט די לינקע מערהייט האָט אָפּגעוואָרפן די אומשולדיקע, אין תוך גענומען אויסבעסערונגען פון ח׳ ווײַנשטיין. וועלכער האָט געוואָלט בלויז אונטערשטרײַכן די באַדײַטונג פון זעלבסטעטיקייט פון די ארבעטער מאַסן און די אימצווועקמעסיקײַט פון אָנווענדן טעראָר בנוגע די סאָציאַליסטישע פאַרטייען. „מיר רעכענען אייך שוין מער ניט פאַר קיין „בונד“. דער „בונד“ — דאָס זײַנען פון איצט אָן מיר און נאָר מיר. מיר ווייסן אַז אונז וועט אויסקומען אויסצושטײַן אונטערדריקונגען, רכילות און אפשר אויך דירעקטע רדיפות. נאָר מיר גלויבן פעסט, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט געגעבן אַזוי פיל מוטיקע און אומדערשראָקענע קעמפער פאַר דער רעוואָלוציאָנע-רער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וועט זיך שטעלן פעסט אין אונזערע רייען“, באַ אַ דריקנדיקער שטילקייט פון די לינקע און איינשטי-מיקע אַפּלאָדיסמענטן פון די אָנהייגער האָט דער ח׳ אַבראַמאָוויטש פאַרענדיקט מיט די אויסרופן: „זאָל לעבן די סאָ. דעמ. זאָל לעבן דער בונד!“

מיטן געזאַנג פון דער „שבועה“ האָבן די סאָצ. דעמ. דעלע-גאַטן פאַרלאָזט דעם זאַל פון דער אַלגעמײַנער קאָנפערענץ און קײַנמאָל דוכט זיך זײַנען די לעצטע פערזן פון דער שבועה וועגן טרייהייט צום בונד, ניט געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ טיפע און רעאַלע באַטייטונג, מיט אַזאַ זינען.

ס׳איז געווען 7 אַזײַגער אין אָוונט דעם 19-טן אפּרעל. ווען ס׳האָט זיך געעפנט די XII קאָנפערענץ פון בונד (ס. ד.) אין פרע-זידיום פון דער קאָנפערענץ זיינען אויסגעווילט געוואָרן די חברים: אַבראַמאָוויטש, יודין, סויעט־צקי, א. לעווין און אלס סעקרעטאַר די ח״ח זאַקין און בענסקי (לעווינסאָן). ס׳איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָלגנדיקער טאָג-סדר: 1) דער פּאָליטישער מאָמענט, 2) די

אויפשטעלונג פון אינטערנאַציאָנאַל, 3) די פּראָפעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, 4) די נאַציאָנאַלע פראַגע, 5) אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן (פּרעסע, פינאַנצן, וואלן אין צ. ק, וכדומה).

אויף דער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען פאָלגנדיקע חברים מיט באַשטימונגס רעכט: אַבראַמאָוויטש און הײַליקמאַן (מאָסקווע), יודין און הענדין (האָמעל), בעריאַזקין (מאָהילעוו), בראַאון און דראָבקין (וויטעבסק) זאקין און פּאָפּליאַק (יעקאַטערינאָסלאַוו), א. לעווין (כאַרקאָוו), ס׳ועראָפּילאָוו (אָרשע), ווינץ (דובראָווגאָ) בענסקי (רעטשיצא), באבין און טשערטקאָו (פּעטערבורג), ר. לעוויט (מינסק) סוויעטיצקי (מיטגליד פון צ. ק.) אראַנסאָן רובין און שיינים (מיטגלידער פון סאציאלדעמ, ביורא פון בונד), מיט באַראַטונגס-רעכט די ח״ח: קאראווקין און גינזבורג (וויטעבסק), האָלדמאן, קראסינסקי, מעזיוויעצקי (מאָסקווע), שאַיעוויטש (אָרשא), א. אָ. מאַרטאָוו און א. א. טראיאַנאַווסקי (פּאַרשטייער פון צ. ק. פון ר, ס.-ד. א. פּ. אויף דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַקומען ידיעות אַז אין סאַראַטאָוו און אופא זיינען אויסגעוויילט צוויי דעלעגאַטן סאַצ. דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן צוליב צופעליקע סבות ניט געקענט קומען.

אויף דער קאָנפערענץ זיינען געלייענט געוואָרן פּאָרטראַגן: ח. אַבראַמאָוויטש—וועגן דעם פּאָליטישן מאָמענט און וועגן אויפשטעלן דעם איגטערנאַציאָנאַל, ח. רובין — וועגן דער פּראפעסיאָנעלער באַוועגונג, ח. לעווין—וועגן דער קאאפּעראַטיווער באוועגונג, ח. ח. הײַליקמאַן און בענסקי- וועגן דער נאַציאנאלער פראַגע, נידריקער דרוקן מיר די אנגענומענע רעזאלוציעס. וועלכע גיבן אַן ענטפער אויף די מער וויכטיקסטע פראַגן פון פּאליטישן מאמענט, פון אַלגעמיינעם ווי פון אידישן. די רעזאלוציע וועגן פּאליטישן מאמענט איז, אינגאנצן גענומען, ענליך צו דער פּאזיציע פון צ ק פון דער ר. ס. ד. א. פּ. די דעלעגאַטן פון דער אזוי גערופענער רעכטער גרופּע אין בונד, האבן אריינגעטראגן אַ גאַנצע רייע אויסבעסערונגען פון אַ פּרינציפּעלן כאראקטער, בכלל גענומען

האבן זיי, אבער, אונטערגעהאלטן די אנגענומענע דורך דער מער-הייט רעזאלוציע. דער ויכוח צווישן דעם לינקן און רעכטן פליגל אין ס. ד. בונד גופא איז געגאנגען דער עיקר ארום דער פראגע וועגן דעם טעמפ מיט וועלכן ס׳וואקסן און ס׳אנטוויקלען זיך די סאציאלע קאנפליקטן אין אייראפע, ארום דער פראגע וועגן פולע אדע ניט פולע פאליטישע לאזונגען. בעת דער לינקער פליגל פון ס. ד. גייט ארויס אין זיין אפשאצן די פערספעקטיוון פון דער רוסישער רעוואלוציע פונם פאקט, אז ס׳האט זיך שוין אנגעהויבן די סאציאליסטישע וועלט רעוואלוציע אונטערוואדפנדיק אלע זיינע לאזונגען דער דאזיקער אלגעמיינער און וויכטיקסטער אויפגאבע - מיינט די רעכטע ריכטונג פון ס. ד., אז די טאַקטיק פון דער פאַר-טיי אין רוסלאנד דאַרף דער עיקר אין אכט נעמען די כוחות פאר-העלטעענישן אינם קלאסנקאמף אין רוסלאנד גופא רעכענענדיק פאר אן אוטאפיסטישע די אידייע פון סאציאליזאציע אין די געגעבענע רוסישע באדינגונגען.

דער זאַכליכער טאן פון דער קאנפערענץ האט כלל ניט אפגעשוואכט די אינערליכע מיינונגס שאַטירונגען וואס עקזיסטירן אין דער סאציאל-דעמאקראַטיע.

אזוי, למשל, האט איינער פון די דעלעגאטן, פון רעכטן פליגל געשטימט קעגן דער פאליטישער רעזאלוציע פאר וועלכע אינגאנצן גענומען האבן געשטימט אלע דעלעגאטן אן אונטערשייד פון שאטירונגען, אַ צווייטער דעלעגאט, וואס איז געווען געשטימט לינקער פונם הערשנדיקן אויף דער קאנפערענץ ס. ד. „צענטר" האט געשטימט קעגן דער רעזאלוציע וועגן אינטערנאציאנאל נאך דעם ווי זיינע אויסבעסערונגען זיינען אפגעווארפן גע-ווארן.

די רעזאלוציע וועגן אויפשטעלן דעם אינטערנאציאנאל, וועלכע איז אוממיטלבאר פארבונדן מיטן געדאנקען-גאנג פון דער אלגעמיינער פאליטישער רעזאלוציע, האט, איגגאנצן גענומען, ארויסגערופן צו זיך אן איינשטימיקע באציהונג. אין די לעבהאפטע

דעבאטן, אין וועלכע ס'האט אויך גענומען אן אנטייל דער ח' מארטאוו, באגריסנדיק די קאנפערעגץ פונם ס. ד. בונד אין נאמען פון צ' ק. פון ר. ס.ד. א. פ. האבן אלע מסכים געווען, אז ווירקליך אויפשטעלן דעם אינטערנאציאנאל איז מעגליך נאר אלס רעזולטאט פון א פלאנמעסיקער ארבעט פון אלע פארטייען, וועלכע שטייען אויפן באדן פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע. צוזאמען מיט דער ר. ס. ד. א. פ. דארף אויך דער בונד ס. ד. נעמען א טעטיקן אנטייל אין די באראטונגען, וועלכע ווערן צונויפגערופן דורך די דייטשישע „אומאפהייגגיקע", די פראנצווישע לאנגעטיסטן די איינגלישע אומאפהיינגיקע ארבעטער פארטיי און אנד. וועלכע שטעלן זיך דעם ציל צו באשאפן א נייעם ווירקליך רעוואלוציאנערן אינטערנאציאנאל. ס'איז באשטימט געווארן איבערצורייסן די לעצטע פארבינדונגען מיט די איבערבלייבענישן פון 2-טן אינטערנאציאנאל, וועלכער האט דערפילט זיין היסטארישע שליחות אין דער תקופה פון דער פרידליכער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם און איז אבער אומפייהיק צו אן ארגאניזירנדיקער שאפערישער ראליע אין דער עפאכע פון שארפע קלאסן צוזאמענשטויסונגען. נאר אין דער זעלביקער צייט זיינען אפגעווארפן געווארן די פרינציפן און די סעקטאנטישע מעטאדן, די מעטאדן פון בלאנקיזם און טעראריזם, מיט וועלכע ס'איז דורכגעדרינגען דער מאסקווער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל.

די רעזאלוציע, וועלכע די קאנפערענץ האט אנגענומען וועגן דער פראפעסיאנעלער באוועגונג גיט א כאראקטעריסטיק פון די אויפגאבן פון די פאראיינען אין די אייגנארטיקע באדינגונגען פון דער רוסישער עקאנאמישער ווירקליכקייט, און דער איבערגאנג עפאכע פון קאפיטאליזם צום סאציאליזם, זי שטעלט ארויס די אידייע פון אומאפהייניקייט און זעלבסטשטענדיקייט פון די ארבעטער ארגאניזאציעס. דערביי שטרייכט זי קלאר אונטער, אז אונטער די דאזיקע לאזונגען באהאלטן זיך ניט קיין אידייען פון נייטראליזם, אדער גלייכגילטיקייט צו דער סאציא-

ליסטישער באוועגינג, אדער צום קאמף מיט דער קאנסר-רעוואלוציע
די רעזאלוציע וועגן דער נאציאנאלער פראגע איז געווידמעט
אויסשליסליך די אויפגאבן פון קולטורעלען כאראקטער, וואס
שטייען איצט פארן אידישן פראלעטאריאט, בלייבנדיק פרינציפּ-
יעל אויפן באדן פון דער אלטער בונדישער וועלט-אנשויאינג
און בא דער אלטער קאנצעפּציע פון קולטור נאציאנאלער אויטא-
נאמיע פאסט זי צו דעם דאַזיקן לאזונג צום כאראקטער פון דער
איצטיקער עפּאכע און צו דער פּאליטישער סטרוקטור פון רוס-
לאנד אין דער געגעבענער תקופה.

אין דער צייט פון דער קאָנפערענץ האָבן געאַרבעט צוויי
קאָמיסיעס: וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנס פראגע (די ח"ח: אַבראַמאָ-
וויטש, יודין, סווייעטיצקי, פאפּליאַק, בעריאָזקין, לעווויט, און
דראָבקין), און וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע (די ח"ח הייליק-
מאַן, בענסקי, טשערסקאָוו, מעזיוועצקי אראנסאן).

די לעצטע זיצונג פון דער XII קאָנפערענץ איז פארגעקומען
אין סאָצ.-דעמ. קלוב „פּאָרוועוֹרטס" און איז געווען געווידמעט
דעם פּארטראג פון דער אָרגאַניזאַציאָנס. קאָמיסיע. נאָכן באַטראַכטן
דעם פארטראַג האָט די קאנפערענץ באַשטימט: 1) איבערלאָזן דעם
אַלטן נאָמען „ר. ס. ד. א. פּ.—דער אַלגעמיינער יידישער אַרבע-
טער בונד" און מוסיף זיין אין קלאַמרען: (ס. ד.), 2) אָנרופן די
דאָזיקע קאָנפערענץ די XII קאָנפערענץ פון בונד, 3) ווענדן זיך
מיט אַן אויפרוף וועגן דער צושפּאַלטונג אין בונד, צום אידישן
פּראָלעטאַריאַט פון פּוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד, גאַליציע און אמע-
ריקע, 4) באשטייערן מיט אַ איינמאָליקן אָפּצאָל אַלע אָרגאַני-
זאציעס פון בונד, 5) איבערגעבן דעם צ. ק. אויסצואַרבעטן אן
אויפרוף מכח די פּאגראמען, 6) איבערגעבן דעם צ. ק. צו באַ-
טראכטן די פראגן וועגן די פינאנסן, פּרעסע, וועגן די קעגנזייטיקע
באציהונגען און דער ליקווידאציע פון די באציהונגען פון די צו-
שפּאלטענע טיילן פון בונד אין צענטער און אויף די ערטער, 7)
אויסנייען אלס צייטווייליקן ארט פארן צ. ק. מאסקווע.

אַלס מיטגלידער פון צ. ק. פון בונד זיינען אויסגעוויילט געוואָרן די חברים: ר. א, אַבראַמאָוויטש, א. ל, יודין, יא. ס. ליטוואַק, י. וו. סוויעטיצקי, א. א. רובין, ל. פ. פאָפלאַק, וו. מ. דראָבקין, ג. יאַ. אַראַנסאָן; אַלס קאַנדידאַטן זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן די חברים: מ. מ. זאַקין, א. ג. לעווין, מ. שטערן, ד. ק. טשערטקאָוו, א. וו. בראַאון, ר. א. לעוויט (פרידא) ס. ב. היי־ליקמאַן.

ביים פאַרמאַכן די קאָנפערענץ האָבן די ח"ח יודין און אב־ראַמאָוויטש, אַלס עלטסטע טוער פון בונד, אָנגעוויזן אין קורצע רעדעס אויף די שוועריקייטן פון דער פאַרשטייענדיקער אַרבעט, און האָבן אויסגעדריקט זייער זיכערקייט, אַז מוט, גלויבן אין דער צוקונפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און ענערגיע וועלן באַ־קעמפן אַלע מניעות, מיטן זינגען די שבועה האָט זיך פאַרענדיקט די XII קאָנפערענץ.

די רעזאָלוציעס און החלטות פון דער XII קאָנפערענץ, וועלכע מיר דרוקן ווייטער, גיבן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער פאָזיציע פון בונד, און די פראָגראַמאַטישע און טאַקטישע פראַגן בנוגע די אַרויסגערוקטע פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז אַריינגעטראָטן אין פאַזיס פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, בנוגע די שווערע נסיונות וועלכע ס'קומט אויס אַריבערצושטיין דעם אידישן פראָלעטאַריאַט אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

די לינקע ריכטונג פון בונד, וועלכע האָט זיך זעלבסט באַ־שטימט, ווי אַ קאָמוניסטישע גרופּע, האָט געהאָרכזאַם אויסגעפילט די צרבעט פון „אַ מאוור" אויף וועלכע ס'האָט איר פאַרמשפט די סטיכיע פון קאָמוניזם די לינקע בונדיסטן האָבן איבערגעריסן מיט דער ר. ס. ד. א. פּ., האָבן זיך אָן קיינע טענות סאָלידאַריזירט מיט דער פראָגראַם און טאַקטיק פון דער „רקפ" אָנגעקלאַפּט אין

די טירן פון דריסן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. בלי שום ספק איז זייער גורל שוין באַשטימט. דער קאָמוניסטישער בונד איז אָביעקטיוו ניט נויטיק פונם שטאַנדפונקט פון קאָמוניזם, וועלכער פאַראייניקט אי די סאָציאַלע, אי די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, איז די עקזיסטענץ פון בונד שעדליך. דער קאָמוניסטישער בונד מוז אומפאַרמיידליך זיך פאַרוואַנדלען אין אַ סעקציע, אין אַ טעכנישע קאָמיסיע. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך אינגיכן איבערצייגן, אַז דאָס, וואָס איז געשעהן מיט ראַפּעסעס גרופּע וועט בלי ספק אויך געשעהן מיט דער גרופּע פון ווײַנשטיין און פרומקינא. ס'איז בלויז אַ פראַגע פון צייט.

באַ אזעלכע באַדינגונגען קען די אַלטע פאָן פון בונד, וועלכע איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן דאָס לעצטע יאָר, פלאַטערן אויף דער אידישער פּראָלעטאַרישער גאַס, נאָר איבערן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן בונד. נאָר ער איז דער יורש און פאָרזעצער פון די אַלטע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון בונד אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, נאָר ער איז דער אויסגעפּרובטער און זיכערער פירער פונם באַוואוסטזיניקן אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט אים אײנהייטן פון די צוועקלאָזיקע און איבעריקע קרבנות און פון אנטטוישונגען און יאוש.

די רעזאלוציע פון דער סאצ. דעמ. פראקציע אויף דער אָלרוס. קאנפערענץ צום באריכט פון צ. ק.

אַרויסגייענדיק פון דעם, אַז די 11-טע קאָנפערענץ, וואָס האָט געקליבן דעם איצטיקן צ. ק., האָט אָנערקענענדיק דעם פּרינ-ציפּ פון ראַטן-מאַכט, אין דער זעלבער צייט באַשלאָסן, אַז דער בונד איז אַ פּאַרטיי פון אָפּאָזיציע און דאַרף ניט ווערן אַ רעגי-רונגס-פּאַרטיי, וואָס נעמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאר די עקזיסטירנדע מאַכט און האָט אַרויפגעלייגט אויף אונזער פּאַר-טיי די פליכט צו קעמפן פאר ענדערן די אַלגעמיינע פּאָליטיק פון דער ראָטן-מאַכט, פאַר פאַרברייטערן די ראַמען פון דער דעמאָ-קראַטיע פון די אַרבעטנדע און פאַר פאַרווירקליכן די פאָדערונג פון אַ איינהייטליכן רעוואָלוציאָנערן פראָנט, — קאָנסטאַטירט די 12-טע קאָנפערענץ, אַז דער צ. ק. פון בונד איז אין זיין גאַנצער טעטיקייט אַלץ מער און מער אָפּגעטראָטן פון דער איבערדער-מאָגטער פּאָזיציע און האָט זיך אַלץ מער און מער געשטעלט אויפן באדן פון דער קאמוניסטישער פארטיי, אָפּזאָגנדיק זיך פון א שייַן פון אפאזיציע און פארוואַנדלענדיק זיך פאליטיש אין א אפּטיילונג פון דער ר. ק. פּ.

דורכמאכנדיק די דאָזיקע אַנטוויקלונג, האָט די לינקע מער-הייט פון צ. ק. באַזונדערס אין דעם לעצטן פּעריאָד פאַרוואַנדלט אים פאַקטיש פון אַן אַלגעמיינן פּאַרטייאישער איינריכטונג, וואָס איז מחויב געווען אָפּצוהיטן די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי אינ-גאנצן און איר פארבאַנד מיט דער ר. ס. ד. א. פּ. אין א צענטר

פון דער לינקער פראקציע. וואָס האָט זיך געשטעלט דעם צוועק ארויסשטויסן די ס.-ד. עלעמענטן פון דער פאַרטיי און וואָס גי־ כער צורייסן מיט דער ר. ס. ד. א. פּ. כדי צו עפענען זיך דעם אריינגאַנג אין דער ר. ק. פּ.

די רעזאלוציע פון דער ס. ד. פראקציע אויף דער XII אלבונדישער קאָנפערענץ וועגן דער אפעלאציע פון דער וויטעבסקער ס. ד. אָרגאניזאציע פון בונד.

אָנערקענענדיק, אַז די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער פון דער וויטעבסקער אָרגאַניזאַציע פון בונד זיינען באַגאַנגען געוויסע פאָר־ מעלע פארגייען, וואָס ווידערשפּרעכן די סטאטוטן פון דער פאר־ טיי, געפינט די קאָנפערענץ אין דער זעלביקער צייט, אַז די דאָ־ זיקע אויפפירונג פון די דערמאָנטע חברים איז אַרויסגערופן גע־ וואָרן דורך די אומנאָרמאלע פּאָליטישע באַציהונגען, וואָס האָבן זיך באַשאַפן אין דער וויטעבסקער אָרגאַניזאַציע, און דורך די טאַקטיק פון דעם לינקן טייל, וואָס איז פאַקטיש שוין לאַנג גע־ ווען קאָמוניסטיש און האָט די גאַנצע צייט פאַרשאַרפט די באַ־ ציהונגען, ניט אַכטנדיק די רעכט פון דער מינדערהייט און שטרע־ בנדיק וואָס גיכער אַרויסצושטויסן זי פון דער פאַרטיי.

די קאָנפערענץ געפינט:

1) אַז די דאָזיקע טענדענץ פון די וויטעבסקער לינקע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די טאקטיק פון איי‍ניקע מיטגלידער פון צ. ק., וואָס זיינען געווען אין וויטעבסק;

2) אַז דער צ. ק. האָט ניט אָנגענומען די אַלע מיטלען, וואָס דער צ. ק. פון בונד איז מחויב געווען אָנצונעמען, כדי צו שאַפן פולע גאראַנטיעס פון אַן אָביעקטיווער אונטערזוכונג, בע־ פאָר צו באַשטעטיקן דעם באשלוס פון דער וויטעבסקער מערהייט

3) אַז דער צ. ק. האָבנדיק פאָ־מעלע טעמים כדי צו אנער־קענען די וויטעבסקער מערהייט פאר דער אָפיציעלער אָרגאַני־זאַציע, האָט אין דער זעלביקער צייט קיין רעכט ניט געהאַט אויסצושליסן פון דער גאַנצער פארטיי אן אָרגאניזאַציע. וואָס איז לויט איר פּלאַטפאָרם פּאָליטיש פולשטענדיק געשטאַנען אין די רייען פון בונד, און אין אזא מאמענט, ווען די אלגעמיינע לאַגע אין דער פּאַרטיי איז געווען אויסערסט קריטיש און בשעת ס'איז געבליבן גאר אַ קורצע צייט ביז דער XII קאנפערענץ, וואס האט געדארפט ענדגילטיק לייזן דעם אלגעמיינעם קריזיס אין בונד.

נעמענדיק דאָס אלץ אין באטראכט, געפינט די קאנפערענץ, אז די וויטעבסקער ס.-ד. פראקציע מוז גערעכנט ווערן פאר א טייל פון בונד אין באשליסט אויסצוארבעטן. קאנקרעטע כללים וועגן ווידער אויפשטעלן די איינקייט פון דער דאזיקער ארגא־ניזאציע מיטן בונד.

די דעקלאראציע פון דער ס.ד. פראקציע אויף דער 12־טער קאנפערענץ פון „בונד", איבערגעלייענט פון ה. אבראמאוויטש.

חברים! די רעזאלוציע, וואס איז היינט אנגענומען געווארן אויף אט דער קאנפערענץ, באטייט אן אפענעם, אן שום אויס־ריידן צושטיין צום קאמוניזם, דאס איז ניט נאר א טעארעטיש פראגראמאטיש אנערקענען אבסטראקטע פרינציפן, דאס איז א פראקטישע סאלידאריזירונג מיט דער עקזיסטירנדיקער מאכט, דאס הייסט נעמען אויף זיך די פולשטענדיקע פאראנטווארטליכ־קייט פאר איר גאנצער פאליטיק, פאר אלע אירע מעשים, פאר אלע אירע פעלערן און פאר אלע אירע טעותן.

אלע אויסבעסערונגען, וועלכע האבן געוואלט באגרענצן די דאזיקע סאלידאריזירונג, וועלכע האבן געשטרעבט כאטש אין א געוויסער מאס אפשוואכן די פאראנטווארטליכקייט פון „בונד" פאר די מעשים פון דער איצטערדיקער מאכט, זיינען אפגעווארפן גע־ווארן דורך דער מערהייט, פונקט ווי ס'זיינען אפגעווארפן געווארן די נאאיווע און ניט אנטשלאסענע אויסבעסערונגען פונם ח. וויינ־שטיין, וועלכער האט געוואלט, אז מע זאל כאטש מיט ווערטער אנערקענען די נויטיקייט פון דער זעלבסטעטיקייט פון די ארבעטנ־דיקע מאסן און פון אביסל וו־יכער מאכן די טעראריסטישע דיק־טאטור פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין דער פראגע וועגן

פרייהט פון ווארט, און מיט אייער אפשטימינג האט איר דערקלערט, אז איר האלט ניט פאר מעגליך צו ערלויבן ארויסגעבן א צייטונג אפילו יענע פארטייען, בתוכם אייך דער ר. ס. ד. וועלכע שטייען אויפן באדן פון א סאציאלער רעוואלוציע, איר, וועלכע האבן אזוי פיל גערעדט און ריידן נאך איצט וועגן דעם, אז איר לייקנט אפ דעם טעראר, יענע באמת נעבאכדיקע אויסריידן, וואס זיינען פאראן אין דער רעזאלוציע, וואס איז אנגענומען געווארן פון דער מערהייט פון דער קאנפערענץ, און אין וועלכע ס'רעדט זיך וועגן דעם, אז איר האט בדעה אריינצוטראגן אין דער אלגעמיינער קאמוניסטישער באוועגונג אייער שאטירונג, אייער „דערפארונג", וואס גרינדעט זיך אויף דער זעלבסטעטיקייט פון די אידישע ארבעטנדיקע מאסן, זיינען אדער א פוסטער קלאנג, א אינהאלטסלאזע פראזע, אדער א מעלדונג וועגן דעם, אז איבערלאזנדיק דער ר. ק. פ. די פולע פרייהייט צו רעכענען זיך ווי פריער מיט אירע פאליטישע קעגנער, האט איר בדעה בא זיך, אויף דער אידישער גאס, אנטאן אביסעלע ווייכערע הענטשיקעס. מיר ווייסן, וואס ס'זיינען ווערט אזעלכע מעלדונגען און קיינער וועט זיי ניט גלויבן.

חברים! דא האט מען גערעדט וועגן דעם עבר פון בונד. דא האט מען געשווארן מיט זיינע טראדיציעס, מיט זיין רומפולער קאמפס-פאן, דא האט מען געזונגען אינזער „שבועה". אינז איז עס שווער געווען צו הערן, ווייל דאס האבן געטאן מענטשן, וועלכע האבן בוגד געווען אין דער אלטער פאן פון בונד, מענטשן, וועלכע האבן זיך אפגעזאגט פון יענע יסודות, אויף וועלכע ס'באזירט אונזער אלטער רומפולער בונד, וועלכע האבן זיך אפגעזאגט פונם רעוואלוציאנערן מארקסיזם, פון יענעם רעוואלוציאנערפראלעטארישן רעאליזם, מיט וועלכן ס'איז שטענדיק געווען דורכגעדרונגען די גאנצע וועלט-אנשויאונג פונם „בונד". אונז איז שווער געווען צו הערן, ווייל דאס האבן געטאן מענטשן, וואס זאגן זיך אפ ניט נאר פונם „בונד" נאך אויך פונם „בונדיזם".

רעגטשן, וועלכע וועלן אין עטליכע וואָכן אַרום פאַרראַטן זייַן גייסט און וועלכע האַלטן זיך בלויז, מחמת אויסרעכענונג אָדער געוואוינהייט, פאַר זיין נאָמען, ווייל אינם כאַראַקטער און אינם מהות פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ליגט די אָפּלייקענונג פון דער מעגליכקייט און געזעצליכקייט פון דער עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער אויטאָנאָמישער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, ווייל דאָס גאַנצע פאַרשטיין פון דער נאַציאָנאַלער פראגע, וואָס האָט זיך היסטאָריש אויסגעבילדעט אינם „בונד“ איז סותר דעם מהות פון קאָמוניזם.

פאַר אונז איז קלאָר; די מערהייט פון דער קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך געשטעלט אין די קאָמוניסטישע רייען, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון בונד אייער-גורל, ווי פון אַן אָרגאַניזאַציע פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, איז שוין פון פאָרויס באַשטימט דער ביישפּיל פון ראַפּעס גרופּע, וועלכע איז גיך געגאַנגען פון קאָמוניסטישן בונד צום פאַרבאַנד, פון פאַרבאַנד צו אַ סעקציע פון אַ סעקציע צו אַ טעכנישער קאָמיסיע, באַווייזט אונז קלאָר, אויף וואָס איר קאָנט וואַרטן אין דער נאָהענסטער צוקונפט. אַלס טרעגער פון דער פאָן פון בונד ערוואַרט אייך אַ פּאָליטישער טויט, ווייטער וועט איר שוין אַרויסטרעטן אונטער דער פאָן פון ר. ק. פּ.

חברים! מיר זייַנען אַלע אַלטע בונדיסטן, אַ סך פון אונז זיינען געשטאַנען בײַ דער וויגעלע פון בונד, אונז איז טייַער אונזער עבר, אונז זיינען טייַער ניט נאָר די פּרינציפּן, אידייען און לאָזונגען, אונז איז אויך טייער די אָרגאַניזאַציע, אונז איז טייַער דער בנין פון בונד אויף וועלכן מיר האָבן געאַרבעט אַזוי פיל יאָרן, לייגנדיק אַ ציגל נאָך אַ ציגל, נאָר מ׳דאַרף דאָ האָבן מוט צו קוקן דעם אמת גלײַך אין די אויגן; פון היינטיקן טאָג איז שוין מער ניטאָ קיין אייַנהייַטליכער בונד, ניטאָ שוין זיין איינהייטליכע אָרגאַניזאַציע. מיט אייַער רעזאָלוציע האָט איר אים צעשניטן אויף צוויי טייַלן, און יעדערע פון זיי וועט ווייַטער עק-

זיסטירן באַזונדער, איין טייל וועט גיך צעשמאָלצן ווערן אין די רייען פון דער ר. ק. פּ. און וועט אויפן וועג פאַרלירן אַלץ, וואָס ס'איז געווען טייער יעדן בונדיסט. דער צווייטער טייל וועט, ווי פריער, פאַרבלייבן אויף די אַלטע בונדישע פּאָזיציעס, אין די רייען פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

חברים, מיר האָבן איבערגעלעבט אין „בונד" ניט ווייניק מאָמענטן פון שאַרפן מיינונג־קאַמף, פון שאַרפן פאַנאַנדערגיין זיך. נאָר קיינמאָל האָט זיך נאָך ניט געשטעלט די פראַגע וועגן אַ שפּאַלטונג ווייל קיינמאָל האָבן זיך פּרינציפּן, און מיינונגען נאָך ניט פאַרוואַנדלט אזוי גיך און אזוי אוממיטלבאַר אין פּאָליטישע מעשים און צוזאמענשטויסן. ס'איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ לאַגע, אז איין טייל פון בונד זאָל קענען זיך גלייך פאַרוואַנדלען אין אַ טייל פון דער רעגירונג, וואָס דערשטיקט מיט געווער און מיט דער קראַפט פון דער מלוכה־מאכט דעם צווייטן טייל פון בונד, חברים, וואָס שטייען אויף דער פּאָזיציע פון דער ר. ס. ד. א. פּ. און וואָס קעמפן אין אירע רייען, קענען ניט זיין אין איין אָרגאַניזאַציע מיט יענע, וועלכע וואַרפן אָפּ די פאָדערונג וועגן איר לעגאַליזירונג און וועלכע האַלטן פאַר נויטיק האַלטן זי אין אַ לאַגע פון פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט.

מע מוז מוטיק און אָן שרעק מאַכן אַלע אויספירן פון דער געשאַפענער לאַגע און מיר טוען עס. מיר פאַרלאָזן אייער קאָנפערענץ כדי איינציייטיק צו עפענען אונזערע. און אין אייערע קעפּ ווענדן מיר זיך מיט אַ רוף צו די אידישע אַרבעטער־מאַסן זיך איינצג פאַראייניקן אַרום אונז, אַרום דער אַלטער פאָן פון בונד. מיר האַלטן אייך ניט מער פאַר דעם בונד. דער בונד זיינען פון היינט אָן מיר און נאָר מיר. אויף אָט דער קאָנפערענץ זיינען מיר געווען אין אַ מינדערהייט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דערפאַר, וואָס אין אייערע הענט איז געווען די פּרעסע און דער אַנצער אָרגאַניזאַציאָנס-אַפּאַראַט, נאָר מיר האָבן אַ געוויסע שטיצע אין די מאַסן פון דעם אידישן אַרבעטער-קלאַס. מיר ווייסן, אַז

אונז שטייט פאָר אַ שווערער קאַמף, מיר ווייסן, אַז אייך צו הילף וועט קומען דער גאַנצער אַפּאַראַט פון דער רעגירונגס מאַכט מיט אַלע זיינע אומבאַגרענעצטע מיטלען. מיר ווייסן, אַז אונז וועט אויסקומען אויסצושטיין באַדריקונגען, רכילות און אפשר אויך די־רעקטע רדיפות. נאָר מיר גלויבן פעסט, מיר זיינען איבערצייגט, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געגעבן אַזוי פיל מוטיקע און העלדישע קעמפער פאַרן רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, פאַר די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַז ער וועט אונז שטיצן און וועט זיך פאראייניקן ארום אונז.

לעבן זאָל די סאָציאַלע רעוואָלוציע!

לעבן זאָל די אינטערנאציאָנאלע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראטיע!

לעבן זאָל די רוסל. סאָצ.־דעמ. ארב.־פארטיי!

לעבן זאָל דער „בונד“!

די טעזיסן וועגן פּאליטישן מאָמענט.

אנגענומען אויף דער 12 קאנפערענץ פֿון בונד ס. ד.

1. די אנטוויקלונג פון אלוועלטליכן אימפעריאליזם און די וועלט מלחמה, וועלכע איז דורך אים ארויסגערופן געוואָרן, וועלכע האָט פארוויסט דעם גאנצן אייראָפּייאישן קאָנטינענט, איבערגערוקט אלע היסטאָרישע מלוכה-גרעניצן און האָט דייטליך אנטפלעקט פאר די ארבעטנדע מאסן פון אלע לענדער דעם באנקראָט פון דער קאפיטאַליסטישער סיסטעם,—האָבן געשאפן אין וועלט-מאסשטאב די פּאָראויסזעצונגען פאר דער סאָציאלער רעוואָלוציע וועלכע פארענדיקט די ערע פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג און הויבט אָן די עפּאָכע פון סאָציאליזם.

2. די אויפגאבע צו פארווירקליכן די איבערקערעניש פאלט אויף דעם פּראָלעטאריאט, וואָס איז געשאפן דורך דער קאפּיטאליסטישער אינדוסטריע, וועלכער טרעט אין דעם פאל ארויס ווי דער פאָרשטייער און נאטירליכער פירער פון אלע איבעריקע מאסן, וואָס זיינען עקספּלואטירט און געדריקט אין זייער אנטוויקלונג דורך דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט.

3. דעריבער איז די היסטאָרישע אויפגאבע פון פּראָלעטאריאט אין דער עפּאָכע, אין וועלכער מיר זיינען איצט אריינגעטראָטן, ארויסצורייסן מיט דער הילף פון די איבעריקע ארבעטנדע מאסן דעם מעכאניזם פון מלוכה-מאכט פון די הענט פון דער מאכטהאָבנדער מינדערהייט, איינשטעלנדיק זיין קלאסנדיקטאטור,

ד. ה. אזא פּאָליטישע מאכט, וועלכע זאָל אים געבן א מעגליכ־קייט אונטערצודריקן יעדן ווידערשטאנד פון די עקספּלאָ־אטאטאָרן.

4. די ראָזיקע דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט קען בא גע־וויסע באדינגונגען, אין דעם ערשטן שארפן מאָמענט נאָכן איינ־נעמען די פּאָליטישע מאכט, בריינגען מיט זיך אלס אויסנאמס־מיטל פון געזעצליכן זעלבסטשוץ צייטווייליקע באגרענצונגען פון פּאָליטישע רעכט פאר די עקספּלאָטאטאָרן, זי טאָר אָבער בשום אופן ניט זיין געווענדעט קעגן אנדערע שיכטן פון די ארבעטנדע מאסן, וועמענס אקטיווע מיטבאטייליקונג אין דעם פּראָצעס פון סאָציאליסטישער איבערבויאונג פון דער געזעלשאפט איז א אומ־באדינקטע נויטווענדיקייט. דאָ גייט א רייד וועגן די זעלבסט־שטענדיקע און האלבזעלבסטשטענדיקע פּראָדוצירער אין שטאָט און דאָרף, וועגן אינטעליגענטן־פּראָלעטאריאט א. ד. ג.

5. נאָך מער: אין די אָפּגעשטאנענע לענדער, וואו דעם איבערוויכט האָט די ניט פּראָלעטארישע׳ אָבער רעוואָלוציאָנער געשטימטע ארבעטער־מאסן, קען ניט זיין די דיקטאטור פון פּראָ־לעטאריאט א אומבאגרענעצטע, נאָר זי מוז באשריינקט ווערן דורך דער באטייליקונג אין דער מאכט אויך פון די ניט פּראָלע־טארישע ארבעטנדע מאסן.

6. דעריבער איז די קלאסנדיקטאטור פון פּראָלעטאריאט לויט איר עצם בשום אופן ניט די געוואלט־הערשאפט פון דער מינ־דערהייט איבער א מערהייט מיט מעטאָדן פון אונטערדריקונג, און שטייט ניט אין ווידערשפּרוך מיט דעם פּרינציפּ פון דעמאָקראטיע. פארקערט די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט גיט א מעגליכקייט דעם ערשטן מאָל אין א פולער מאָס און קאָנסעקווענט אָנצווענדן די פּרינציפּן פון דעמאָקראטיע.

7. די מלוכה־פאָרמען פון דער פּראָלעטארישער דיקטאטור קענען זיין פארשיידן אין פארשיידענע לענדער, דאָס הייננט אָפּ פון די היסטאָרישע באדינגונגען פון זייער אנטוויקלונג, פון די

קעגנזייטיקע באציהונגען פון די געזעלשאפטליכע כחות. פון דעם, אויף וויפל זיינען צופוילט די בורזשואזע דעמאָקראטישע פארטייען. אויף וויפל איז רייף און אָרגאניזירט דער פראָלעטאריאט גופא דאָס קאָנען זיין ווי פארשיידענע פאָרמען פון פארלאמענטארישן דעמאָקראטיזם, אזוי אויך א סיסטעם פון ראטן אָדער ענליכע פראָ-דוקציאָנס-ארגאניזאציעס פון די ארבעטנדע. ארויסגייענדיק פון דעם אויבנגעזאָגטן געפינט די קאָנפערענץ בנוגע רוסלאנד.

1. די מלחמה האָט אין רוסלאנד אין גרונד חרוב געמאכט די שטאָטישע אינדוסטריע און דערמיט אויף אזא גראד אָפגע-שוואכט די אזוי אויך שוואכע קאפיטאליסטישע קלאסן, אז דעם רוסלענדישן פראָלעטאריאט וועלכער איז שטארק געווען מיט זיין צוזאמענגאנצקייט און אָרגאניזירטקייט האָט זיך אָן גרויס אָנ-שטריינגונג איינגעגעבן צו פארכאפן אין זיינע הענט די פאָליטישע מאכט אין לאנד, ש-יצנדיק זיך אויפן רוסישן פויערטום, וועלכער האָט געשטרעבט פארווירקליכן זיין אגרארע רעוואָלוציע, און אויף די רעשטן פון דער צארישער ארמיי. דאָס איז פאָרגעקומען אין אזא מאָמענט, ווען די שטארקער אנטוויקלטע מערב-אייראָפּייאישע קאפיטאליסטישע לענדער האָבן נאָך ניט ארויסגעוויזן קיין דייט-ליכע סמנים פון דעם, אז ס'איז געקומען דער מאָמענט פון סאָ-ציאליסטישער רעוואָלוציע, וועלכע גרייט זיך ערשט אין זיי.

2. די קאָמפליצירטע און היסטאָריש ווידערשפרעכליכע אויפ-גאבע האָט זיך געשטעלט פאר דעם רוסלענדישן פראָלעטאריאט נאָך דער אָקטיאבר-איבערקערעניש, אויפצובויען די סאָציאליסטישע ווירטשאפט אין א לאנד וואו די אינדוסטריע איז צושטערט און וואו עס וועגן קאָלאָסאל אריבער די קליינע אייגנטימער — די פויערים – בעת אין דער גאנצער וועלט בלייבן נאָך איבער די קא-פיטאליסטישע באציהונגען. די דאָזיקע אויפגאבע איז אין א אומ-געווייגליך גרעסערער מאָס שווערער און פארוויקלטער געוואָרן דורך דעם בירגער קריג; ער איז ארויסגערופן געוואָרן דורך דעם ווידערשטאנד פון די עקספראָפּריאירטע פריצים, קאפיטאליסטישע

קלאַסן, און ס'איז פאַרטיפט געוואָרן דורך דער פאַקטיש פון די באַל-שעוויקעס; וועלכע האָבן אים אריינגעטראָגן אין די רייען פון די אַרבעטנדע מאַסן גופא. דערצו קומט דער פּראָצעס פון אָפּפאַלן פון די ראנדזאַציעס. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו אַן עקאָנאָמישער בלאָקאַדע פון רוסלאַנד און צו אַ ענדגילטיקן חורבן פון טראַנס-פּאָרט און פון גאַנצן ווירטשאַפטליכן לעבן.

3. דער חורבן פון דער שטאָטישער אינדוסטריע האָט בײַ דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די אָרגאַ-ניזאַציע פון דער אינדוסטריע, אָפּגענומען יעדע מעגליכקייט צו באפרידיקן אין וועלכער ניט איז געזוגענער מאָס די ווירטשאַפט-ליכע באדערפענישן פון פויערטום און האָט מיט דעם אָפּגעשוואכט דעם עקאָנאָמישן פארבאנד צווישן שטאָט און דאָרף, גליכצייטיק פאַרניכטנדיק די מעגליכקייט איינצושטעלן די פארזאָרגונג פון די שטעט און באוונדערס פון די אינדוסטריעלע ארבעטער צענטרען מיט לעבנס-מיטלען און אנדערע פּראָדוקטן פון דער לאנדווירט-שאפט.

4. די אָביעקטיווע לאגע וועלכע איז אזוי ארום געשאַפן געוואָרן, און וועלכע איז פאַרערגערט געוואָרן דורך די פעלערן פון דער מאכט און דער ניט ריכטיקער פּאָליטיק בנוגע צום פוי-ערטום און אין דער ערנערונגס-פראגע, האָט אין פארבינדונג מיט דעם פאקט, אז די רעוואָלוציע האַט שוין אויסגעפילט איר היס-טאָרישע מיסיע בנוגע צום פויערטום, געבראכט דערצו, אז ס'איז אָפּגעשוואכט דער פּאָליטישער בונד צווישן פּראָלעטאריאט און פויערטום.

5. פון דער אנדער זייט ברייַנגען די דערמאָנטע ווירט-שאפטליכע פאקטאָרן, וואָס ווייטער אלץ מער צו א פארקלענערונג פון דער עקאָנאָמישער באדייַטונג פון פּראָלעטאַריאט און צו א פארגרעסערונג פון דעם וואָג פון פויערטום.

6. אין דערזעלבער צייט קומט פאָר אין דעם שויס פון דער ראטן מלוכה, וועלכע איז באשאפן געוואָרן נאָך דער אָקטיאבר-

רעוואָלוציע א פּראָצעס פון קאפּיטאל-אָנזאמלונג, וועלכער גייט דורך אין די גרעבסטע, עלעמענטארישע פאָרמען פון דער פּרימיטיווער אָנזאמלונג (מיסברויכן פון אָנגעשטעלטע, צומבאשריינקטע ספּעקולאציע א. ד. ג.) און וועלכע ברייַנגט דערצו אז עס ביל־דעט זיך א באזונדער סאָציאלער שיכט וועלכער קאָנצענטרירט אין זייַנע הענט א היבּשן טייל פון דעם גאנצן סכום מאטעריעלן רייכטום, סיי פון דעם וועלכער איז עקספּראָפּריאירט געוואָרן בא די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן סיי פון דעם וואָס ווערט פּראָ־דוצירט, און וועלכער איז פאַראינטערעסירט אין דעם צו באשאפן גינסטיקע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן אים געבן די מעגליכקייטן אויסצונוצן דעם אָנגעזאַמלטן קאַפּיטאַל.

7. פון דער אַנדער זייט קומט צו די ביוראָקראטישע אנט־ארטונג פון דער ראַטן-סיסטעם, וואָס האָט געזאָלט זיין לויט איר אידייע די איינציקע אַרבעטער-דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך אבער אין לעבן פאַרוואנדלט אין דער דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און וועלכע דריקט זיך אויס אין א אומגעהויער שטאַרקער אַנטוויקלונג פון דעם ציווילן און מיליטערישן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, וואָס באַפרייט זיך אַלץ מער און מער פון דער דירעקטער איינווירקונג און פאקטישן קאָנטראָל פון די ברייטע אַרבעטער און פאָלקס מאַסן. דאָס שאַפט ברייטע קאַדרען פון פאַרשיידענע אָנגעשטעלטע, וועלכע געוויינען זיך צו קוקן אויף זיך אַלס אויף די איינציקע הערשער און אָרגאניזאַטאָרן פון דעם גאַנצן לעבן פון לאַנד

8. דערצו קומט די מעגליכע ראלע פון דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, וואָס וועט אומפאַרמיידליך מוזן אַריינדרינגען אין לאַנד אין דער פאָרם פון פאַרשיידענע קאָנצעסיאָנס-אינטערנעמונגען און וואָס פאַרגרעסערט מיט זיך די צאָל פון יענע עקאָנאָמישע פאקטאָרן און געזעלשאַפטס-גריפן, וועלכע ווידערשפּרעכן לויט זייער נאַטור דער אויפגאַבע סאָציאַליסטיש צו אָרגאַניזירן דעםווירט־שאַפטליכן לעבן.

9. די אַלע דעמאָקראַטישע פּאַליטישע אָרגאַניזאַציעס מאַכן אַן אַנט-וויקלונגס-טענדענצן, וועלכע זיך געווענדעט איז נים צו רעפ-ראָדוצירן די אַלטע פאַר-רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן פון דער קאַ-פּיטאַליסטישער פּראָדוקציע — נאָר דאָך פון דעם אויס ווירטשאַפטס-סיסטעם, וועלכע באַזירט אויף די פּרינציפּן פון פּריוואַט-אייגנ-טום.

10. די אַגראַרישע אַנטוויקלונגס-סיסטעמע וואָלט רעקאָגנ זיין די אייגענע מאַכטמיטלען אין אויך פּאָליטיש ווען ס׳וואָלט פאַר-געשטאַנען די אויפלעבונג פון קאַפּיטאַליזם אויף דער גאַנצער וועלט. אין דעם פאַל וואָלט דער קאַמף מיט דער דאָזיקער טענ-דענץ געווען אַן אומזיסטער, אומפּאָסיקער און שעדליכער. אָבער באַ די איצטיקע היסטאָרישע אומשטאַנדן אין איבערגאַנגס-עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם קען זי נים געדענקט ווערן פאַר אַן אַנטוויקלונג, און די צערייסונג די אַפּאָזיציאָן, זי צו פאָרא-לייזן דאָרך בילדן די היסטאָרישע איינגאַנג פאַר דעם גאַנצן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט.

11. אָבער דער האַנטווערקער קאַמף קען זיך נים אויסדריקן אין פאָרם פון שפּיטס אייגענערן די אומאָפּהענגיקע פאַקטן, אָדער אין דעם שטרעב איבערצוגעבן און אויסצוהאַלטן די געשעפטע עקאָנאָמישע ערשיינונגען מיט הילף פון פּאָליטישער געוואַלט, כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל מיט ערפאָלג קענען אויספילן זיין היס-טאָרישע אויפגאַבע, דאַרף אָנגעווענדעט ווערן אַ גאַנצע סיסטעם פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מיטלען, וועלכע האָבן זייער ציל קודם כל איינצושטעלן אַן איינגעפירן פאַרבאַנד צווישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער קען זיך נאָך אין דער ערשטער צייט נאָך דער רעוואָ-לוציע נים באַפרייען פון דער מורא פאַר רעסטאַוראַציע.

12. דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז פאַראינטערעסירט אין דער אויפשטעלונג פון דער שטאָטישער אינדוסטריע כדי צו זאָל קענען באַקומען די נויטיקע בענוצונגס-עלעמענטן פּראָדוקטן און בכלל אָביעקטיוו נים פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז די גרויס-אינדוס-

טריע זאָל אויפגעשטעלט ווערן דוקאָ אויף קאפּיטאליסטישע יסודות,
מיט דעם תנאי, אז עס זאָלן אייַנגעהאַלטן ווערן די קליין-אייגנ-
טימערליכע פאָרמען פון זיין אייגענער ווירטשאפט. פארקערט, דער
קלאָרער פאקט, וועלכן מ'קען ניט באזייטיקן — אַז בײַ די געשא-
פענע באדינגונגען קען דער רוסלענדישער קאפּיטאליזם ווידער
אויפגעשטעלט ווערן נאָר אין דער פאָרם פון אן איינפאכער אגענ-
טור פון דעם אויסלענדישן קאפּיטאל, וועלכער פארוואנדלט רוס-
לאנד אין אן אגראַרער קאָלאָניע פון אינדוסטריעלן מערב און
דעם רוסישן פּויערטום אין הילפלאָזע עקספּלואטירטע קאָלאָניאלע
קנעכט פון מערב-איירא‏פּע — אָט דער פאקט צווינגט דעם פּויערטום
אלס קלאס אָננעמען פאר בעסער, אז די סטאַטישע אינדוסטריע
זאָל ווידער אויפגעשטעלט ווערן אויף קאָלעקטיווע יסודות דורך
דעם רוסלענדישן ארבעטער-קלאס.

13. דאָס שאפט אן עקאָנאָמישן באזיס פאר אן אויסגלייך
צווישן פּראָלעטאריאט און פּויערטום אין רוסלאנד אויף די בא-
דינגונגען, אז דער פּראָלעטאריאט זאָגט זיך אָפּ מיט געוואלט
אריינצומישן זיך אין די פאָרמען פון דער פּויערישער ווירטשאפט,
און ס'ווערט געביטן די ערנערונגס פּאָליטיק, אָפּזאָגנדיק זיך פון
דער איצטיקער פּאָליטיק פון פעסטע פּרייזן, וועלכע רעכנט זיך
מיט קיין זאך ניט און פון יענע מיטלען פון קרימינעלע רעפּרעסיעס,
וועלכע דערגרייכן ניט זייער ציל און רופן נאָר ארויס אן אויפ-
רעגונג אין פּויערטום. דער אויסגלייך דארף געבויט ווערן אויפן
גרונד פון פאקטישן אָנטייל פון דעם פּויערטום אין דער פּאָליטי-
שער מאכט.

14. אדאנק דער ראָלע וועלכע דער פּראָלעטאריאט שפּילט
אלס אָרגאניזאטאר פון דער גרויס אינדוסטריע און פון דעם גאנצן
ווירטשאפטליכן לעבן פון לאנד, אדאנק זיין פּאָליטישער רייפקייט,
אָרגאניזירטקייט, קולטורעלקייט ביי דעם גראד פון ניט אָרגאני-
זירטקייט, צעשפּרייטקייט און אָפּגעשטאנענקייט פון פּויערטום, ווייל-
ער ס'איז לויט זיין נאטור ניט מסוגל צו ווערן דער הערשנדער

קלאס איינער אליין אין אזא לאנד. אדאנק דעם אלעס וועט אזא אויסגלייך, צוזעבנדיק די נויטיקע פעסטקייט אין גלייכגעוויכט דעם סאציאליסטישן רעזשים, גלייכצייטיק זיכערן די פאקטישע העגע מאניע. ד. ה. די אָנפירנדע ראלע פון פראלעטאריאט. וועלכער וועט זיך פארפעסטיקן אין פאַרשטאַרקן, וואָס מער עס וועלן אוי פ געשטעלט ווערן די פראָדוקציאָנס-כוחות.

אַרויסגייענדיק פון דעם אַלעס געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק:

א. אין אויסערליכער פאליטיק:

1. אונטערשטיצן די שטרעבונג פון דער ראַטן מאכט צו שליסן אַ שלום מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכע האָבן געפירט און פירן די מלחמה מיט דער ר. ס. פ. ס. ר. גייענדיק דערביי אויף די נויטיקע הנהות. כדי די בלאָקאַדע זאָל אַראָפּגענומען ווערן.

2. דערשלאָגן זיך אַן ערליכן שלום מיט די געוועזענע ראנד-לענדער פון רוסלאַנד. אָפּזאָגנדיק זיך אַרייַנצומישן זיך אין זייערע אינערע ענינים.

3. שטרעבן צו פאראייניקן אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וועלכע שטייען אויפן באָדן פון סאָציאליסטישער רעוואָלוציע. אלס די צייטפהאגע פון דער געגנווארטיקער היסטאָרישער עפּאָכע

ב. אין געביט פון אינערליכער פּאָליטיק

1. אויפשטעלן אין גאַנצן אומפאַנג די ראַטן-קאָנסטיטוציע וועלכע איז איצט פאַקטיש אָפּגעשאַפט געוואָרן, און אנטוויקלען זי אין ריכטונג פון ווייטערדיקער דעמאָקראַטיזאַציע.

2. איינשטעלן ווירקליך פרייע און מאַכטפולע ראַטן אין

שטאָט און דאָרף, פריי אויסגעקליבענע דורך דער גאַנצער אַר־בעטנדער באַפעלקערונג, און קאָנצענטרירן אין זייערע הענט די גאַנצע מאַכט.

3. פרייהייט פון וואָרט און פון פרעסע.

4. אומבאַרירליכקייט פון פּערזאָן, גאַראַנטירט דורך דעם וואָס אַלע בירגער דאַרפן געמשפּט ווערן דירך איין און דעמזעלבן פאָלקס-געריכט, וועלכער אַרבעט אויף דעם גרינט פון געוויסע געזעצן.

ג. אין געביט פון דערנערונג.

1. איינהאַלטן די מלוכה-מאָנאָפּאָל נאָר אויף געטריידע ברויט, מעל, זאַלץ און צוקער.

2. ענדערן די ערנערינגס-פּאָליטיק, אָפּזאָגנדיק זיך פון דער איצטיקער סיסטעם פון די פעסטע פּרייזן, און אומבייטן זי אויף פּרייזן, איינגעשטעלטע דורך דער רעגירונג אין הסכם מיט די פּויערים.

3. אָפּשאַפן די ציללאָזע און אויפרייצנדע סיסטעם פון קליינ־ליכע רעפּרעסיעס און שטערונגען דעם איינצל פאַרקויף פון ער־נערונגס-פּראָדוקטן, אַראָפּנעמען די „פאַרצוימונג-אָטריאַ״ן״, פרייער צופיר פון ערנערונגס-פּראָדוקטן מיט פערד אויף די אָרטיקע מערק.

ד. אין עקאָנאָמישן געביט.

1. קאָנצענטרירן אַלע קרעפטן און די גאַנצע ענערגיע אויפן שטייגער פון פּראָדוקציאָנס כוחות און אויפהויבן אין דער ערשטער ריי די גרויס אינדוסטריע מיט אַקטיווער הילף פון די פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע זיינען קאָנסטיטואירט אַלס זעלבסט־שטענדיקע מאַסן אָרגאַניזאַציעס באַזירט אויף דער זעלבסטשטענדיקייט פון די מאַסן.

2. אָנגעמען דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען אַלע נויטיקע מיסלען איינצושטעלן אַ שטריינגע דיסציפּלין אויף די פאַבריקן, העכערן די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט, באַגלייטנדיק עס מיט אַ סיסטעם פון מיטלען ווי ענדערן די טאַריף-פּאָליטיק, נאַטוראַליזירן דעם אַרבעטס לוין א. אז. ו., וועלכע האָבן דעם ציל צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטער.

3. ניט אָפּזאָגנדיק זיך אין פאַלן פון שאַרפער נויטווענדיקייט אָנצעווענדן געצוואונגענע אַרבעטס פליכט, זאָל שטרעבן זי צו אָרגאַניזירן ניט אויף די יסודות פון מיליטאַריזאַציע, נאָר זעהן פאַראינטערעסירן עקאָנאָמיש די מאָביליזירטע.

רעזאָלוציע וועגן ווידער אויפשטעלן דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אָנגענומען אויף דער 12-טער קאָנפערענץ פון בונד (ס. ד.) צום פאָרטראַג פון ח. אבראַמאָוויטש.

1. די מלחמה און אירע פאָלגן וועלכע האָבן ארויסגערופן א אומגעהויערן עקאָנאָמישן חורבן און האָבן אַנטפּלעקט פאַר די ברייטע שיכטן פון די ארבעטנדע מאַסן דעם באַנקראָט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, האָבן אויפגעשטעלט פאַר דער סאַראָרינסער איירָאפּע די באַלדיקע אויפגאַבע — איבערצובויען דעם עקאָנאָמישן לעבן אויפן גרונד פון פּלאַנמעסיקער געזעלשאַפטליכער ווירטשאַפט; ווערמיט ווערט געלייגט אַן אָנהייב פון א נייַער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער אַלוועלטליכער אַרבעטער-באַוועגונג, די עפּאָכע ווערט כאַראַקטעריזירט דורך אַן אויסערסט שאַרפן רעוואָלוציאָנערן קאַמף וועלכן פירט דער פּראָלעטאַריאַט כדי אַראָפּצוואַרפן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל און אייַנשטעלן

זיין דיקטאַטור, כדי איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

2. אין דעם דאָזיקן פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג וועלכע פאָדערט, אַז דער קאַמף פונם ארבעטער-קלאַס פון פאַרשיידענע לענדער זאָל זיך פירן וואָס מער איינשטימיק און צוזאַמענגעבונדן, איז דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט נאָך מער ווי שטענדיק פאַראינטערעסירט אין דעם ס'זאָל עקזיסטירן אַ אינטערנאַציאָנאַלער צענטער, וועלכער זאָל פאַראייניקן פּאָליטיש און אַקטיוו די רעוואָלוציאָנערע אָנשטרייַנגונגען פונם פּראָלעטאַריאַט פון איינצלנע לענדער און וועלכער זאָל אָנפירן זיין קאַמף אין איראָפּייאישן און אַלוועלטליכן מאַסשטאַב.

3. די ראָלע פון אַזאַ זין צענטער קען ניט געהערן דעם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט געהאַט אַ מוראדיק גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג אין דער עפּאָכע פאַר דער מלחמה. אין דעם פּעריאָד פון אָרגאַנישער און פרידליכער אַנטוויקלונג פון דעם אַלוועלטליכן קאַפּיטאַליזם, דאַמאָלסט ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו ערציהען און אָרגאַניזירן די ארבעטער-מאַסן, אָנצופירן מיט זייער קלאַסנקאַמף אויפן גרונד פון די מעגליכקייטן, וועלכע ווערן געגעבן דורך דער בורזשואַזער אָרדנונג. דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַל האָט געקראָגן אַ טויט-קלאַפּ פון אינעווייניק דורך דעם, וואָס אינ'ם קריטישן מאָמענט בעת ס'איז ערקלערט געוואָרן די וועלט-מלחמה, זיינען זיינע אָנפירנדע גרופּן אַראָפּ פון וועג פון קלאַסנקאַמף און זיך געשטעלט אויפן באָדן פון „בורג-פרידן-פּאָליטיק". ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אין דער לעצטער צייט איז שוין פאַר אַלעמען געוואָרן קלאָר, אַז די פּאָליטיק פון „סאָציאַלן שלום" האָט באַנקראָטירט, האַלטן זיך אָן דער דאָזיקער פּאָליטיק אייניקע פּאַרטייען פונם 2 טן אינטערנאַציאָנאַל, גיט זייענדיק פעיִק אומצוקערן זיך צו די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן-פּאָזיציעס; פאַר יענע פּאַרטייען און עלעמענטן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען און דורכגענומען דעם רעוואָ-

לוציאָנערן כאַראַקטער פון דער איצטיקער עפּאָכע, ווערט דערי־
בער אוממעגלעך צו פאַראייניקן זיך מיט די אונטערדריקטע פאָר־
טייען אין דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף אינטערנאַציאָנאַל.

דעריבער באַשליסט דער קאָנגרעס אַז דער בונד (ס.־ד.), וועלכער האָט פאַקטיש אין אידעאָלאָגיע שוין לאַנג צעריסן מיטן 2־טן אינטערנאַציאָנאַל, אַנשליסנדיק זיך פאָרמעל אַלס אָרגאַ־ניזאַציאָנעל־אַרבעטערישע מיט אַלע רעכטן.

4. אַנטקעגן דער פּראָגנאָזע פון רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג קומט פאָר אין יעדן לאַנד אויך אַ באַזונדערע איבן מיט אַ באַזונדער שטעלונג און אַ באַזונדער וועג, דאָס הייסט אָפּ פון דעם גראַד רייפקייט פון די פּראָדוקציאָנס־כוחות. אין לאַנד, פון דעם, וואָס פאַר אַ באַציִונגען עקזיסטירן דאָרט צווישן די קלאַסן, ווי ווייט אַנטוויקלט און קאָנצענטרירט דער פּראָלעטאַריאַט איז און פון אַ גאַנצע ריי אַנדערע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן זיך היסטאָריש געשאַפן. אויך איז ניט מעגלעך פאָראויס אָנצוווײַזן יעדע קאָנקרעטע מלוכה־פאָרמען, אין וועלכע פאָרמעס זיך אויסגיסן די האַרשנדיקייט פון דער קלאַסנדיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אין רוסלאַנד האָט פאַר אַ מאָס די דאָזיקע דיקטאַטור אויך אויסגעדריקט געפונען דורך אַ צוטיילונג פון דער מאַכט מיט אַנדערע אַרבעטנדיקע קלאַסן דאָרט וואו די אָפּשטאַנענקייט פון די סאָציאַלע באַדינגונגען צווינגען דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַזאַ צוטיילונג.

5. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל וועלכער איז צוליב די שוואַכקייט און צעשפּאַלטנקייט פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען אין סך רוב לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע, ניט פאַרבונדן מיט די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון פּראָלעטאַריאַט — פּרובט אָבער אויסצונוצן דעם מעכטיקן מלוכה־אַפּאַראַט פון רוסלאַנד און דעם קאָלאָסאַלן פּרעסטיזש פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע אין די אויגן פון די מערב־אייראָפּעיִשע פּראָלעטאַרישע מאַסן, ניט נאָר כדי צו שטיצן פאָראויס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון

דעם אַרבעטער-קלאַס אין דער גאַנצער וועלט, נאָר הויפּטזעכליך כדי אָנצובינדן דעם גאַנצן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פון דער וועלט, ווי אַ מין קמיע, וואָס ראַטעוועט פון אַלדאָס-בייז, אַ קאָפּיע פון זיין קאָמוניסטישער טאַקטיק, וועלכע איז אויסגע-וואַקסן אין די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון רוסישן לעבן און וועלכע איז געבויט אויף דעם אַריינצוטראָגן דעם בירגער-קריג אין די רייען פון דעם אַרבעטער-קלאַס און אויף אַ טעראָריסטי-שער דיקטאַטור פון דער מינדערהייט, דעריבער איז אוטאָפּיש און סעקטאַנטיש דער פּרוּוו צו דיקטירן דעם פּראָלעטאַריאַט פון איי-ראָפּע און פון דער גאַנצער וועלט אַ איינהייטליכע פאָרם און איינהייטליכע טאַקטיק ביים פאַרווירקליכן זיין דיקטאַטור, ווי אויך די שטרעבונג, וועלכע בילדעט דעם יסוד פון 3-טן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, — אויפצובויען אויף אזא פּרינציפּ דעם אָנפירנדן אינטערנאַציאָנאַלן צענטער.

6. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ווירקט זעהר שעדליך דאָס, וואָס ביז איצט פעלט אַ גענוג אויטאָריטעטע-פאַראייניגנדער און אָנפירנדער אַרבעטער-צענטער, וועלכער איז פעהיק אַריינצונעמען אין זיך אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון דעם אַרבעטער-קלאַס, און אין [illegible] מיט דעם וואָס דער באַנקראָט פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל איז מעהר געוואָרן פאַר אַלעמען, — בלייבט פאַר די רעוואָלוציאָנער-מאַרקסיסטישע עלע-מענטן נאָר איין וועג: שאַפן אַ נייע גרופּירונג, וועלכע זאָל אַרומנעמען אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון אַרבעטער-קלאַס אין אייראָפּע, פאַר וועלכע עס זיינען גלייך פרעמד סיי דער אָפּאָרטוניזם אזוי אויך דער סעקטאַנטישער [illegible].

[illegible] די דאָזיקע [illegible], וואָס [illegible] אַ [illegible] אין זאַט-פעהיקערע ווי יענע, וועלכע האָבן עקזיסטירט ביז איצ-טער, דאַרף זיין אויפגעבויט אויף פּרינציפּן, וועלכע דאַרפן זיין אייגענע אין דיזעלבע מאָס אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער

וועלט אויף אַלגעמיינע פרינציפּן פון טאַט, וואָס באַזירן:

א) אויף דער אָנערקענונג פון דער סאָציאַליסטישער רע-וואָלוציע, אלס די באַלדיקע היסטאָרישע אויפגאַבע פון דער עפּאָכע אין וועלכער מיר זיינען אַריינגעטראָטן;

ב) אויף דער פאַרווירקליכונג פון דער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש דורך דער דיקטאַטור פון אַרבעטער-קלאַס, וועלכע מוז ניט דורכאויס זיין אַ טעראָריסטישע דיקטאטור פון דער מינ-דערהייט;

ג) אויף דער אָנערקענונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן שטאַנד-פּונקט, אז פאַרשיידענע פאָרמען פון פאַרווירקליכן די דאָזיקע דיקטאטור, וועלכע שטאַמען פון די היסטאָרישע באַדינגונגען אין יעדן לאנד, זיינען געזעצמעסיק און האָבן א גלייכן ווערט.

8. באַגריסנדיק יעדן אָנהויב. וואָס האָט דעם ציל אויפצורופן א באַראַטונג פון די רעוואָלוציאָנער-סאָציאליסטישע פּארטייען פון איראָפּע, כדי צו אָרגאַניזירן דעם פריער אָנגעוויזענעם אינטער-נאַציאָנאַלן צענטער, — ערקלערט די קאָנפערענץ, אז זי איז פול-שטענדיק גרייט צו נעמען דעם אקטיווסטן אָנטייל הן אין דער באַראַטונג גופא הן אין איר צוגרייטונג.

טעזיסן וועגן די אויפגאַבן פון די פּראָפעסי-אָנעלע פאַראיינען.

אנגענומען אויף דער XI קאָנפערענץ פון בונד (ס. ד.)

(פאָרטראַג פון ח׳ רובין).

1) אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט זיינען די פּראָפעסי-אָנעלע פאַראיינען אָרגאַנען פון פּראָלעטארישן קלאַסנקאַמף. זייער דירעקטע אויפגאַבע איז צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון פּראָ-

לעטאריאט, ווי די אלגעמיינע אינטערעסן זיינע, אלס א קלאס פון געדונגענע ארבעטער. אזוי אויך די ספעציעלע אינטערעסן פון איינצלנע שיכטן זיינע אין געביט פון איינשטעלן די ארבעטס־באדינגונגען און אָפהיטן אים פון עקספּלאטאציע. זייער איינגע צוזאמענארבעט מיט די פּאָליטישע אָרגאניזאציעס פון פּראָלעטאריאט—מיט די סאָציאליסטישע פארטייען—מאכט זיי אין דער זעלבער צייט פאר אַ וויכטיקן פאקטאָר אין קאמף פאר דער גרינדליכער איבערבויאונג פון דער געזעלשאפט אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות דורך ארייננעמען די מלוכה מאכט אין די הענט פון ארבעטער־קלאס.

2) אין דער עפּאכע פון פּראָלעטארישער דיקטאטור און פון איבערגאנג פון קאפּיטאליסט־שער פּראָדוקציע צו דער סאָציאליסטישער, נעמען די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, איינהאלטנדיק זייער באטייטונג אלס זעלבסטשטענדיקע קלאסנאָרגאניזאציעס, וואָס שטעלן פאָר די אינטערעסן פון ארבעטער פון באזונדערע פּראָפעסיעס און פון דעם גאנצן פּראָלעטאריאט, נעמען זיי גלייכצייטיק אַן אקטיוון אָנטייל אין דער רעאָרגאניזירונג פון די סאָציאל־עקאָנאָמישע פאָרמען, אין דער אָרגאניזירונג פון דער סאָציאליסטישער פּראָדוקציע און אין דער אָנפירונג מיט דער פארגעזעלשאפטליכטער ווירטשאפט.

3) די סאָציאלע אָפּגעשטאנענקייט פון איצטיקן רוסלאנד און די הערשנדע ראָלע, וועלכע דער פּויערטום שפּילט אין זיין פאָלקס־ווירטשאַפט, וואָס האָט זיך נאָך פארשטאַרקט צוליב דעם חורבן פון דער גרויס אינדוסטריע, מאַכן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט פאר אומפאַרמיידליך צו צופּאַסן זיך צו די אינטערעסן פון פּויערטום, וועלכע פאַלן ווייט ניט צוזאמען מיט די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט. פון אַנדער זייט—די קאָנצעסיעס דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, פּאַראַלעל מיט דעם ווערט מעגליך א ברייטערע אָנווענדונג פון רוסלענדישן פּריוואַט־קאַפּיטאַל און די אומפאַרמיידליכע אנטוויקלונג פון דער פּריוואטער קליין־האנט-

ווערקער אינדוסטריע. — דאָס אַלץ שאַפט נייע קאַדרען פון געדונגענע אַרבעטער, וועלכע נויטיקן זיך אין דעם, אַז זייערע אינטערעסן זאָלן פאַרטיידיקט ווערן דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

4. די אָפּהיטונג פון די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט און פון איינצלנע שיכטן זיינע אַויפן געביט פון איינשטעלן די אַרבעטס-באַדינגונגען פאָדערט באַ אַזעלכע באַדינגונגען ס'זאָלן עקזיסטירן אומאָפּהענגיקע פון דער מלוכה-מאַכט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווי אָרגאַנען פון קלאַסנזעלבסטעטיקייט פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זיינען פון אויבן ביז אונטן געבויט אויפן פּרינציפּ פון אויסגעוויילטקייט, וועלכע האַלטן איין אַ שטענדיקע און איינגע צוזאַמענבינדונג מיט די אַרבעטער-מאַסן און וואָס זיינען מחויב אָפּצוגעבן דין וחשבון די דאָזיקע מאַסן.

די אומאָפּהענגיקייט אָדער קלאַסנזעלבסטשטענדיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, הייסט ניט אַז זיי זיינען נייטראַל אין דער באַציהונג צום קאַפּיטאַליזם און כאָציאַליזם, באַדייט אויך ניט זייער נייטראַליטעט בנוגע צו דער סאָציאַליסטישער ראַטן-מאַכט און איר קאַמף קעגן דער קאָנטר רעוואָלוציע און בעת אירע פּרובן צו אָרגאַניזירן דעם ווירטשאַפטליכן לעבן אויף סאָציאַליסטישע יסודות. פאַרקערט, די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען דאַרפן שטיין אויף דער זייט פון דער ראַטן-מאַכט אין איר קאַמף קעגן דער קאָנטר רעוואָלוציע און דעם קאַפּיטאַל. די אומאָפּהענגיקייט און קלאַסנזעלבסטשטענדיקייט פון די פאַראיינען באַדייט, אַז זיי זיינען ניט קיין אָרגאַנען, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן דער מלוכה-מאַכט, ניט קיין אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער ספערע פון איר ספּעציעלער טעטיקייט. דאָס באַדייט, אַז די פאַראיינען, וועלכע דרינגען דורך זייער אַרבעט מיט אַ סאָציאַליסטישן קלאַסנאינהאַלט בלייבן פייהיק איינצושטעלן זיך באַ דער מלוכה-מאַכט פאַר די אינטערעסן פון אַרבעטער קלאַס, אומאָפּהענגיק פון דעם שטאַנדפּונקט וועלכן

ס'פירט דורך די מלוכה-מאַכט גופא רעכענענדיק זיך מיטן ווילן פון אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט.

5) די פּאָליטיק פון פאַרוואַנדלען די פאַראייַנען אין מלוכה-אָרגאַנען, וועלכע איז געפירט געוואָרן אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר, האָט געבראַכט צו אַ פול'שטענדיקן אַראָפּזינקען פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. די געצוואונגענע מיטגלידשאַפט די פינאַנציעלע אָפּהייַנגיקייט פון דער מלוכה, דאָס, וואָס די פאַראייַנען מוזן אויספירן די פאָרוויַיזונגען פון די העכערע מאַכט-אָרגאַנען און וואָס די מעטאָדן פון אידייאיש אָרגאַניזאַציאָנעלער איינוווירקונג אויף די ארבעטער מאסן ווערן פארביטן דורך רעפּרעסיווע צוואַנגס-מעטאָדן, דאָס אלץ טייט אָפּ די זעלבסטעטיקייט פון די מאסן, וואס זיינען אָרגאַניזירט אין די פאראיינען, נעמט אָפּ בא די פאראיינען זייער זעלבסטשטענדיקייט און זייער קאמפּס-ענערגיע, פארוואנדלט זיי אין ביוראָקראַטישע איינריכטונגען, אָפּגעריסענע פון די א״בעטער-מאסן.

6) זייער אויפגאַבע צו פארטיידיקן דעם פּראָלעטאַריאַט אין פּערפּעסטיקן זיינע סאָציאלע און פּאָליטישע פּאָזיציעס ווען די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען קענען ערפילן נאָר דאמאָלסט, ווען זיי וועלן נעמען אן אקטיוון אָנטייל אין דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס כוחות, און אויפלעבן די פּראָדוקציע, און אויפהויבן די ארבעטס-פּראָדוקטיוויטעט און ביים איינשטעלן די ארבעטס-דיסציפּלין. דער דאָזיקער אָנטייל דארף פארווירקליכט ווערן דורך אריינפירן געוויילטע פאָרשטייַער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען אין אלע אָרגאַנען, וועלכע פירן אָן ווי מיט דער גאנצער אינדוסטריע, אַזוי אייך מיט באַזונדערע טיילן אירע, מיט באַזונדערע אינדוסטריע טעריטאָריעס און פארצווייגטע גרויס אונטערנעמונגען; מיט דעם איז אייך פאראייַנבאַר די איבערגעבונג פון דער טעכנישער אָנפירונג צו איינצלנע פערזאָנען איבערלאָזנדיק זיי א געניגע זעלבסטשטענדיקייט.

7) שטרעבנדיק אויפצוהויבן די פּראָדוקציאָנס-כוחות און

אַנערקענענדיק אין פּרינציפּ די אַרבעטס פּליכט, נעפינט די קאָנ=
פערענץ, אַז אַ געצוואונגענע מאָבּיליזירונג פון איינצעלנער מאסן
אַרבעטס קראַפט און בפרט נאָך פון קוואַליפיצירטער אַרבעטס=
קראַפט—קען אָנערקענט ווערן נאָר אין יענע פאלן, ווען ס'זיינען
שוין אויסגעשעפּט געוואָרן אַלע אַנדערע מיטלען אָדער דאָרטן,
וואו די קאַטאַסטראָפישע לאַגע מאַכט פאַר אוממעגליך צו זוכן
אַנדערע מיטלען. די דאָזיקע מיטלען דאַרף מען דערווייל, ביז עס
איז ניט פאָרגעקומען קיין גרינדליכע ענדערונג אין דער אַלגע=
מיינער ריכטונג פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, זוכן פריער
פון אַלץ אין דער שאַפונג פון שטאַרקע לעבנס=מיטלען פאָנדן,
ניט רעכענענדיק זיך דערביי מיט גרויסע פינאַנציעלע אויסגאַבן
מצד דער מלוכה, כדי איינצושטעלן די אַרבעט אין יענע ווירט=
שאַפטס צווייגן און אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען די וויכטיקסטע
אין איצטיקן מאָמענט, ווי אויך אין אַ גרינדליכער ענדערונג פון
דעם טאַריף סיסטעם און אין צופאַסן די טאַריף=אָפּצאָלונגען —
ווייניקסטנס אין די הויפּט=צווייגן פון דער אינדוסטריע—צו אַזאַ
מדרגה, וועלכע זיכערט אין אַ מינימאַלן מאָס די עקזיסטענץ=
מעגליכקייט פאַר די אַרבעטער. גלייכצייטיק וואַרפט די קאָנפע=
רענץ אַנטשיידן אָפּ די אַרבעט=מיליטאַריזירונג, אַלס אַ מעטאָד,
וועלכער פאַראייניקט מיט זיך אַ קליינע פּראָדוקטיוויטעט פון גע=
צוואונגענער אַרבעט מיט אַ מאַסנפאַרשווענדונג פון די אַרבעטס
כוחות, וואָס נעמט פולשטענדיק אָפּ בא די אַרבעטער יעדע מעג=
ליכקייט איינצושטעלן זיך פאַר זייערע געזעצליכע אינטערעסן און
וואָס באַזייטיקט אינגאַנצן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון דעם
אָנטייל אין אָרגאַניזירן די פאָלקס=ווירטשאַפט און אין דער שטיי=
גערונג פון דער אַרבעטס=פּראָדוקטיוויטעט.

8) כדי די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג זאָל זיך נאָרמאַל
אַנטוויקלען און אויספילן די אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר איר,
איז נייטיק איינפירן פרייהייט בא די וואַלן אין די פאַרוואַלטונגען
און אין די פאַבריק קאָמיטעטן, אַ ריכטיקע פאַרשטייערשאַפט אויף

די פראָפעסיאָנעלע צוזאמענפאָרן און פרייהייט פאר דער מינדער־הייט צו קעמפן פאר אירע איבערצייגונגען. די דאָזיקע פאָראויס באדינגונגען פאר א געזונטער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג פאָדערן צו זייער באשאפונג, אז ס׳זאל אויפהערן די סיסטעם פון פאלי־טישן טעראר, ס׳זאלן פארניכטעט ווערן די פריווילעגיעס פאר איין פארטיי, ס׳זאל איינגעפירט ווערן פרייהייט פון ווארט, פרעסע און פארזאמלונגען פאר אלע ארבעטנדע, ס׳זאל ליקווידירט ווערן דער רעזשים פון פארטיי־דיקטאטור און ס׳זאל אָפגעהיט ווערן די ראטן קאָנסטיטוציע, אלס דער ערשטער טריט איינצושטעלן די אמת׳ע מאכט פון די ארבטנדע.

9) די קאָנפערענץ רופט די חברים אויף די ערטער צו נעמען א טיכטיקן אָנטייל אין דער ארבעט פון די פראָפעסיאָנע־לע אָרגאניזאציעס.

אויף פראָפעסיאָנעלע צוזאמענפאָרן קאָנפערענציעס, בא ראטונגען א. ד. גל., ווי אויך אין די פאראיינס אָרגאנען, דארפן די חברים בונדיסטן, צוזאמען מיט די אנדערע חברים וועלכע געהערן צו דער ר. ס. ד. א. פ. בילדן אלגעמיינע סאָציאל דעמאָ־קראטישע פראקציעס, וואָס זאָלן זיין פארבונדן מיט א איינהייט־לעכער דיסציפלין און אָנפירן מיט דער ארבעט פון אלע פארטיי־חברים אין די פאראיינען.

די טעזיסן וועגן דער נאציאנאלער פראגע.

פאָרטראג פון ח. בענסקי.

1. אין קאמף פארן סאָציאליזם צוברעכט דער פראָלעטאר־יאט די קייטן ניט נאָר פון מאטעריעלער אָפהענגיקייט פון די הערשנדע קלאסן, די טראדיציעס פון די לאנג פארשטארבענע דורות און די גייסטיקע אפהיינגיקייט פון די העכערע קלאסן ויינען

א שווערע און א שעדליכע משא פאר דעם פראָלעטאריאט פון וועלכער ער מוז זיך באפרייען; באפרייענדיק זיך אין קאמף פון די אָפּגעלעבטע אידעאָלאָגיעס, שמיט ער אויס עלעמענטן פון זיין אייגענער, צו זיין סאציאלן לעבן צוגעפאסטער סאָציאַליסטישער קולטור, וועלכע וועט מיט דער צייט ווערן די איינציקע קולטור פון דער גאנצער מענטשהייט.

2. די נאציאנאלע פאָרמען זיינען די איינציקע היסטאריש געגעבענע, אין וועלכע דער פראלעטאריאט שאפט זיין קולטור, באניצנדיק אפט אלטע פארמען, גאר ארייננגיסנדיק אין זיי זיין אייגענעם סאציאליסטישן אינהאלט.

דער קאמף קעגן דאס אלטע און דאס שאפן דאס נייע קומט אויף אזא אופן פאר אין א ספעציפיש נאציאנאל-קולטורעלער סביבה, און די נאציאנאלע מינדערהייטן מוזן דעריבער האבן אן עפנטליך רעכטליכע אויטאנאמיע פאר זייער קולטור קאמף און קולטור-שאפן.

3.. די באפרייאונג פון פראלעטאריאט מוז פארקומען דורך זיין אייגענער זעלבסטעטיקייט, דורך זיין קאמף, וועלכן ער אליין פירט, נאָך מער איז דאָס ריכטיק פאַר די גייסטיקע קייטן, אין וועלכע ער איז איינגעשמידט. ער מוז צוזאַמען מיט די ברייטע פאָלקס-מאַסן, וועלכע ער פירט נאָך זיך, זעלבסט אויסלעבן און באוואוסטזיניק אָפּוואַרפן די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון דער אַלטער קולטיר און אַליין שאפן די נייע, די סאָציאַליסטישע קולטור.

4) די גרויסע און פאַראַנטוואָרטליכע אַרבעט קען דערפאַר ניט דורכגעפירט ווערן פון אויבן אַראָפּ. דאָס קען ניט זיין די אַרבעט פון א קליינע גרופּע אָדער פאַרטיי, די ברייטע פאָלקס-מאַסן דאַרפן זי שאַפן. נאָר דער קאמף פון פאַרשיידענע מיינונגען און ריכטונגען אין דער אַרבעטער-דעמאָקראַטיע גופא וועט איפּהיטן דעם אינטערעס צו די קולטור-פראַגן, וועט זיי אַרויסטראָגן אויף דער ברייטער אַרענע פון געזעלשאַפטליכן לעבן. עס

זיינען דעריבער נויטיק פאַסנדע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען פאַר דער
קולטורעלער זעלבסטטעטיקייט אין אַרבעט פון די אַרבעטער־מאַסן
אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאָליטישע פאָרמען, וועלכע מוז לעבן
איצטער דאַרפן דאָס זיין קולטור־נאַציאָנאַלע ראַטן, אָרטיקע און
צענטראַלע, געקליבן פון דער אידישער אַרבעטער־פאַרטרעטונג
אויפן גרונד פון דער ראַטן־קאָנסטיטוציע.

וועגן דער קולטור־ליגע

די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע שאַפט פאַר דעם פּראָלע־
טאַריאַט און די אַרבעטנדע מאַסן א ברייטע מעגליכקייט און א
גרויסע נויטיקייט אויפצובויען זיין קולטורעלן לעבן. [illegible]
אין דער קולטור־ליגע [illegible] פון [illegible]
טעטיקייט אויפן געביט פון קולטור־אַרבעט אין סאָציאַליסטישן
ריכטונג, פאָדערט אויף די קאָנפערענץ די חברים פון בונד און
צוטרעטן אומעטום אַלס אַקטיווע מיטגלידער אין קולטור־ליגע און
צוציהען צו איר די אויפמערקזאַמקייט פון די ברייטע אַרבעטער־
מאַסן. די קאָנפערענץ פאָדערט אויך די באַטרעפנדע מלוכה־אָר־
גאַנען אונטערצושטיצן די אַרבעט פון דער קולטור־ליגע און איר אַר־
כוחות, אונטער זייער קאָנטראָל. אין דער זעלבער צייט פּראָטעס־
טירט די קאָנפערענץ קעגן דעם אָפענעם אָדער פאַרבאָרגענעם
קאַמף אויף די ערטער קעגן דער קולטור־ליגע, וועלכן עס פירן
איינציקע קאָמוניסטישע גרופּן.

פרייז [illegible]